STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02783

# FUN ALTN KLOYSTER

Herman Solnik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. סאָלניק

# פון אלטן קלויסטער

(לעגענדן און דערציילונגען)

ווארשע — 1932

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין".

PRINTED IN POLAND

FREE PUBLIC LIBRARY
TRENTON N.J.

„Legendy Starego Klasztoru“ H. Solnik 1932 r

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B Kleckina, Wilno.

# אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| 1) | לייבושל דעם רבס | 5 —12 |
| 2) | דער גאורח | 13—24 |
| 3) | דאָס געשמדטע פּאָרל | 25—43 |
| 4) | אָן א שאָטן | 44—62 |
| 5) | דער קראַנקנוועכטער | 63—81 |
| 6) | די גאלעאַנדערס | 82—97 |
| 7) | דער משוגענער ישראלעק | 98—119 |

892.47
Sa3.3

## לייבושל דעם רבס

די גרעסטע געביידע אין אונדזער שטעטל איז דער אַלטער קלויסטער.

אויף די קליינע קרומע געסלעך מיט די איינגעהויקערטע, משופּעדיקע, הילצערנע קליינע הייזער, מיט זייערע מאָכיגרינע, דאַרע פאַרשימלטע שינדלדעכער, קוקט ער, דער אַלטער קלויסטער פון אויבן אַראָפּ מיט שטאָלץ, מיט צוריקגעהאַלטענער גאוה. זיינע טונקלבּרוינע דעכער, וואָס הייבן זיך און זונקען, לויטן בוי פון די מויערן, וואָס זענען נישט אומעטום גראָדליניק און מאַכן פון ווייטנס דעם איינדרוק ווי אַ זיגזאַג פון שווינדל־טרעפּ, טראָגן אויף זיך פינף גרויסע קופּאָלן, אין יעדן פון זיי הענגט אַ גלאָק פון פאַרשידענער גרייס. פון די דעכער וו נישט ווו קוקן אַרויס גרויסע צינקענע לעכער באַזעצט מיט גלאָז, ווי אויגן, וואָס גלאָצן, קוקן אין ווייטע מרחקים און ווילן ווי עפּעס אַ סוד באַהאַלטן...

עפּעס מיט אַ יחוסדיקער גאוה טאַקע קוקט דער קלויסטער, וואָס טראָגט אויף זיך אַן אַלטקייט פון הונדערטער יאָרן; מיט אומצייליקע לעגענדעס, וואָס וועבן זיך אויפן איינגעשרומפּטן שיטערן שטעטל און, ווי אַ באַרגריז צווישן ליליפּוטן שטייט ער אין מיטן די שטאָטישע הייזלעך, וועלכע ווייזן אַקעגן אים אויס ווי געצוואַרגלעך. ווי ער וואָלט זאָגן: בחנם אייער אַרויפקוקן צו מיר, אומזיסט אייערע נייגעריקע בליקן. איך בין צו הויך און צוריקגעהאַלטן, אַז איר זאָלט קענען מיינע סודות פון מיר

אַרויסלייענען, שטייט אייך קליינינקע און... דרך ארץ! פון מייגע מויערן קומט קיין סוד נישט אַרויס...

די דיקע גיגאַנטישע מויערן, וואָס קרייזן אַרום אין אַ נישט גלייכן עיגול דעם קלויסטער מיט דעם שוואַרצן גרויסן אייזערנעם טויער, צום מאַרק אַהינצו, וואָס איז באַזעצט מיט היליקע סקולפּטור־בילדער אינם שפּיץ מיטן שוצפּאַטראָן — פאַרשטעלן דעם וועג פאַר די אַלע געהיימנישן, סודות פון דורות־לאַנגע געשעענישן, וואָס רייסן זיך אַרויס און פּרוּוון אין מענטשנס אויערן אַריינדרינגען.

---

זייענדיק נאָך קינדער, האָט זיך אונדז שטענדיק געדוכט, אַז פון דעם אַקעגנאיבעריקן אַלטן קלויסטערס דאַכפענצטערל איבער וועלכן עס דערהייבט זיך אַ דעכעלע, ווי אַ אויגן־ברעם, ביים מיטלסטן גרויסן קופּאָל פון וועלכן עס שטייגט אַרויס אַ גאָלדענער גרויסער צלם און שפּיצט זיך בלאַנק אינדערהייך, אין דער בלויער לופט, פון אָט יענעם דאַכפענצטערל הערן זיך נאָך היינט משונהדיקע קולות, מעלאָדישע שטימען, אויסגעמישטע פון „אויטשע נאַש" מיט „כל־נדרי" נגונים; פאַר שרעק איילן מיר זיך תמיד, אפילו ביי טאָג דורכצולויפן, נישט אומקוקנדיק זיך אויפן קלויסטער. אין די אָוונטן האָט מען פּשוט מורא אַ בליק אַהינצוּוואַרפן.

אין אַ ווינטערדיקן שבת־נאָכמיטאָג, וואָס איז נישט מער, ווי אַ לאַנגער פאַרנאַכט; פון דרויסן אין אונדזער שטעטל האָט זיך אַוועקגעלייגט אַזאַ אומהיימלעכקייט, אַזאַ בענקעניש און קאַלעמוטנעקייט אויף דער נשמה. די קליינע הייזער מיט זייערע פאַרהויקערטע שינדלדעכער, וואָס פאַרמען די שמאָלע, קרומע געסלעך, זענען געשטאַנען צונויפגעטוליעט פאַרזונקען און איינגעהילט אין אַ טונקעלן מרה־שחורהדיקן טרויער, צעשראָקן פאַרן אַלטן פּחד אָנגעוואָרפן פונם קלויסטער. דער ווינט דרויסן, האָט צעווייעט און אָנגעטראָגן בלישטשענדיקע, שפּיציקע ווייסע שטערנדלעך, טאַנצנדיק ארויף און אַראָפּ, פאַלנדיק געדיכט אויף דער ערד, זיך צו לאָזן טרעטן פון די זעלטענע פאַרבייגייער.

אינם איינגעהייצטן אויוון, אין אונדזער שטוב, האָט זיך צעיאָמערט אַ קלאָגנדיק פייפן פון בייזע רוחות, וואָס האָבן אַקאָמפּאַנירט מיט פאַרשידענע טרויעריקע קולות.

איך און מיינע צוויי יונגערע שוועסטערלעך זענען געזעסן צוארום אונדזער מוטער, וואַרעמענדיק זיך ביים ציגל-אויוון, געטוליעט מיט אונדזערע קעפּעלעך, אַרויפגעלייגט אויף איר שויס און האָבן זיך ביי איר געבעטן אונדז עפּעס צו דערציילן פון אַלטן קלויסטער.

בטבע ליבהאבנדיק צו דערציילן האָט זיך די מאַמעשי אונדזערע דאָס מאָל נישט געלאָזט לאַנג בעטן. אַרויפגעלייגט אירע וואַרעמע הענט אויף אונדזערע קעפּלעך, מוטערלעך אונדז געגלעט און גענומען דערציילן מיט איר וואַרעם זאַפטיקן טאָן:

— געוועזן בין איך אַ כלה-מיידל, אַלט אַן ערך 16—17 יאָר. מיין פאָטער אַ נגידישער יוד אין שטעטל האָט אויסגעזוכט פאַר מיר אַ לייטישן שידוך, אַ בחור דוקא אַ למדן.

מיינע חברטעס, מיידלעך אין מיינע יאָרן, האָבן מיך אָפּט באַזוכט, און צווישן זיך דערציילט ווער ס'איז שוין אַ כלה געוואָרן און, וועמען פון די אונדז באַקאַנטען מיידלעך מ'רעדט דעם אָדער יענעם חתן, מ'האָט אויך אָנגערופן דעם נאָמען „ליבושל דעם רבס" און נישט איינע פון אונדז איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, ווייסנדיק, אַז אויך מיר געהערן צו די מורינודיקע, וועלכע מ'שדכנט אים...

ליבושל! ווער פון אונדזער שטאָט האָט נישט געקענט דעם איידעלן און שיינעם בחור ליבושל דעם רבס, אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן „דעם עלוי". וועלכע מוטער פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער האָט זיך נישט געווונטשן אים צו באַקומען פאַר אַן איידעם? געוועזן שוין איינמאָל אַ בחור, זייד און סאַמעט. אַ חוץ זיין וויף לערנען גמרא, האָט ער אַלעמען פאַרוווּנדערט אויך מיט זיין קינציקן שפּילן אויף דער פידל זיינער.

יעדן מוצאי-שבת, האָט זיך פאַרן רבס פענצטער פאַרזאַמלט אַן עולם, צוצוהערן זיך און צו קלייבן נחת ווי ער, ליבושל שפּילט, ווי זיין פידל רעדט ווערטער. אַלע יודישע

ניגונים, דעם רבס „המבדיל״, דעם שטאָט־חזנס נייעסטע זאַכן, וואס נאר זיינע אויערן האבן צום ערשטן מאָל דערהערט, אַלץ האט זיין פידל אויסגעשפילט זיס און מחיה־נפשות...

מיר, דערוואַקסענע מיידלעך זענען פון ווייטנס געשטאַנען, געשעמט זיך צו ווייזן נענטער. זיין פידעלע האָט אונדז אַלעמען פארכישופט. די טענער, וואָס זיין שמיציק האט ציטערנדיק אַרויסגעבראכט האבן אונדז עלעקטריזירט, אין הארץ און אין נשמה איז עפעס אזוי וואַרעם געווארן. עפעס האט מען ווי דערוואכט פון א זיסן חלום, ווען זיין פידעלע האט זיך אָפּגעשטעלט פּלוצים.

באקומען „היתר הוראה״, האט ליבושל שוין צו אַכצען יאָר, געקאָנט ווערן אַ רב, מפּלפּל זיין זיך מיט די גרעסטע לומדים אין לערנען. דער שטאָלץ געווען פון אונדזער שטאָט! יעדער גביר האָט זיך אים אָנגעמאָסטן פאר אן איידעם.

מאַכט זיך אָבער, אז ליבושלען פארגלוסט זיך דוקא צו לערנען שפראכן; איז דער איינציקער גוישער לערער, אין אונדזער שטאָט פאר אים באלד געווען צו קליין. אזוי געשווינט האָט ער אַלץ באַגריפן.

טרעפט גראָד, אז דער פריץ פון שטעטל האָט א סכסוך ביים רב מיט די דאָזערעס וועגן עפּעס אַן עסק מכּוח האָלץ פון זיין וואלד צו בויען אַ שחט־הויז; ליבושל איז דער טאָלמאַטש צווישן אים און זיין פאָטער דעם רב. דערהערט דער פריץ ליבושלס פּויליש רעדן פארחידושט ער זיך, לאָזט זיך מיט אים אריין אין א שמועס, ליבושל באקלאָגט זיך פאר אים, אז ער האט נישט אין שטעטל קיין לערער, ביי וועמען ער וואָלט זיך וועלן פאַרפולקומען. רעדט אים דער שורה צו זיך צו קומען לערנען ביי זיין זון א שטודענט.

מעשה־שהיה: איז ליבושל טאָג נאָך טאָג געגאנגען צום פריצס זון, אין הויף אריין. דער פּאַלאַץ איז נישט ווייט געשטאנען פון שטעטל; געלערנט האט ער זיך דאָרטן אַלע לשונות. מאַכט זיך אָבער, אז נאָך די וואַקאַציעס איז דער שטודענט, דעם שררהס זונדל צוריקגעפאָרן אין אוניווערזיטעט

קיין קראָקע, און צוזאמען מיט אים איז נעלם געוואָרן דער עלוי, ליבושל.

ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שום השתדלות, נישט פון רב זכרונו-לברכה, נישט פון די גרעסטע גבירים. קיינער איז נישט געוואָר געוואָרן ווו ליבושל איז אהינגעקומען, רחמנא-לצלן ווי אין וואסער אריין. דער פריץ האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער ווייסט נישט ווו דער „ראַבינס סין״ איז.

אויף די חגאות, ווען דעם פריצס זון איז ווידער אהיים-געקומען, האָט מען גערעכנט, אַז אויך ליבושל וועט זיך באַ-וויזן. שתדלנים, דעם רבס מקורבים, האָבן זיך אַ לאָז געטון אין הויף אריין, ווער מיט אַן אויסרייד עפּעס צו האַנדלען, ווער סתם אַזוי אויפצוכאַפּן אַ בליק, אַ וואָרט, אריינלאָזן זיך אין אַ שמועס מיטן שטודענטל, אָבער — בחנם; אויך ער, דער שטודענט האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט ווו ליבושלס געביין איז אַהינגעקומען. בלויז די פאַנע העלשטאַ, דעם פריצס שיין טעכטערל, האָט מיט אַ שמייכעלע אויף אירע ליפּן געזאָגט:

— האָטס נישט מורא יודן, וואָש לייבוש בענדזיע וויעלקים טשלאָוויעקיעם. — אייער לייבוש וועט זיין גאָר אַ גרויסער מאַן. אַלע אַנוועזנדיקע ביים פריץ האָבן זיך דערביי צעלאַכט.

— לא עלינו, אַ כשוף אים אָנגעטון — האָבן מענטשן געזאָגט — היתכון, אַזאַ פרום קינד, אַזאַ איידעלער בחור און, גיי שריי צום הימל!

די מאַמעשי האָט טיף אָפּגעאָטעמט, אַ ווײַלע גערוט און בענומען ווייטער דערציילן:

— אוועק זענען זייט דעמאָלט אַ יאָר דריי אָדער פיר—פונם טרויעריקן צופאַל מיט ליבושלען. איך און מיינע פריינדינס זענען מיר שוין לאַנג געוועזן נאָך דער חתונה. אַ טייל פון אונדז אפילו — מאַמעס פון קינדער און, פון ליבושלען האָט מען זיך נאָך אַלץ דערציילט, נאָך אַלץ פון אים גערעדט... אַלע שפּורן וועגן אים זענען אָבער געווען פאַרשוואונדן.

מאַכט זיך אָבער מיטאַמאָל ווידער מעשה-שטן.

געווען איז דאָס צו כל-נדרי ביינאכט. דער עולם יודן

האָבן באַגלייט דעם רב, זכרונו־לברכה. נאָכן דאַוונען אַהיים. פאַרבייגייענדיק אַקעגנאיבער דעם אַלטן קלויסטער, פּלוצים, שאַ! עס דערהערט זיך פונם דאַכשטיבל אין קלויסטער, פונם אָפענעם פענצטערל ביים קופּאָל אינדערהייך נאָענט ביים צלם, טענער פון א פידל. א האַרציקע מעלאָדיע, וואָס דרינגט אַריין אין דער נשמה, ציטערדיקע טענער, עפּעס וויינט און בעט זיך דאָרט אַזוי טרויעריק, אַזוי מיטרייסנדיק, אַזש ס'האַרץ צערינט; דאָס איז געווען דער כל־נדרי־ניגון.

דער רב מיטן צולם יודן, זענען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט, ווי צוגעוואַקסן צום אָרט, נישט אַוועקצורייסן זיך, ווי פאַרכּישופט ממש. ווען די לעצטע טענער פון פידעלע זענען פאַרשווּיגן, האָט דער רב אויסגעשריגן מיט א פאַרשטיקט געוויין, און אויפגעציטערט געבראָכן די הענט:

— אוי ווי איז מיר, מיין לייבושל!

און איז געפאַלן אין חלשות.

ביים רב אין הויז איז זייט דעם געוואָרן תשעה־באב. ווינטער א שוואַרצן שלייער האָט אַלץ גערוט דאָרט. א מרה־שחורהדיקע דערדריקונג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי א נעפּל און איינגעוויקלט אין זיך דעם הייליקן צדיק, צווזעדיק מיט די אויגן איז ער איינגעשרומפּן און איינגעדאַרט און נאָך אין זעלבן חודש איז ער נפטר געוואָרן. אויך די רביצן האָט נאָכן רבס טויט לאַנג נישט געלעבט.

מענטשן האָבן דערציילט, אַז אין טאָג פון רבס לויה האָבן זיי געזען דעם פּריצס בריטשקע פון הויף אַרויספאָרן, און וועלכער ס'זענען געזעסן דעם פּריצס קינדער און עפּעס א יונגער גלח, שטאַרק ענלעך — ווי די וואָס האָבן זיי געזען, האָבן געזאָגט — צו לייבושלען און מ'האָט טאַקע געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז באמת געווען ליבושל אַליין.

פון דעמאָלט אָן האָט אים שוין קיינער נישט געזען מער.

מ'זאָגט אפילו, אַז אין קלויסטער זענען פאַראַן אַזעלכע גלחים, „זאַקאָניקעס" רופט מען זיי, וועלכע ווייזן זיך באַר זעלטן אַמאָל אויפן ליכטשיין, צווישן וועלכע אויך ליבושל

געפינט זיך, נאָר יעדעס יאָר צו כל-נדרי ביינאַכט הערט זיך זייט דעמאָלט פון קלויסטערס דאכפענצטערל שפּילן אויף אַ פידל „דער טרויעריקער כל-נדרי". יודן גייען דעמדאָזיקן אָוונט דאָרט נישט פארביי...

די מוטער האָט אויפגעהערט צו דערציילן. אַ שטומפּער קרעכץ האָט באגלייט אירע לעצטע ווערטער.

פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס מאָנאָטאָנע קלונגען פון קלויסטער-גלאָק, זיין באַס-קול האָט אדורכגעשניטן דעם פייפנ-דיקן ווינט, ארייגעברומט האָט ער אינם קאַלטן טריבן חלל ארום דעם ברייטן שטח, איבער דעכלעך און קאָמענס „בום! בום! בום!".

מיר קינדער האָבן זיך נאָכמער איינגעטוליעט אין שויס פון דער מאמעשי, פארשטאָפּט די אויערן פארן מוראדיקן געריש פון קלויסטער-גלאָק, וואָס האט אלץ פארשטומט און איבערגעשריגן, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פאר פחד פאַר אים פארשוויגן. מיר האָבן די אויערן-לעפעלעך פעסט ארייגעשטופּט טיפער, טיפער אין די אויערן-לעכער אוןָ, דאָך פארנומען זיין ארייגדרינגענדיקן געברום „בים! בים! בים!" און וועלכן עס האָט אָפּגעשאָלט עפּעס אַ דערשטיקט געוויין אויסגעמישט מיט כל-נדרי טרויעריקע טענער. געדוכט האָט זיך, אז אין דער לופט איז א בהלהדיקע באוועגונג. עמעץ חלשט, דערשראָקענע מענטשן מונטערן אים, א געפּילדער, א געשריי. מענטשן אין ווייסע קיטלען טראָגן דעם פארחלשטן און ער פארגייט אויף זייערע הענט.

באַנג, קאָלעמוטנע ווערט אין אונדזערע קינדישע הערצלעך.

פון דרויסן אין שכנס פענצטער האָט א בלישטש געטון, א שטראַל פון אן אָנגעצונדן ליכט, האָט זיך ארייגעגליטשט צו אונדז דורכן פענצטער.

די מאמעשי איז פאַמעלעך אויפגעשטאנען, מיר קינדער-לעך זענען איר נאָכגעקראָכן, אָנהאַלטנדיק זיך אָן איר קלייד. זי האָט אירע הענט געריבן אָן די פענצטערשויבן און מיט א פרומער מעלאָדיע מאָנאָטאָניש און הייליק, דערהייבנדיק די

אויגן צום הימל, שטיל, הארציק ארויסגעזאָגט דעם „גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב באהיט דיין פאָלק ישראל".

אין שטוב ביי אונדז איז געוואָרן ליכטיק און פון דער־בייאיקן אלטן קלויסטער־גלאָק, האָט זיך הייזעריק געריסן:

„בום! בום! בום!".

# דער גאורח

ארום דעם טונקל ברענענדיקן יום־כפורן וואקס־ליכט, טיף אריינגעשטעקט אין זאמד פון א לענגלעך הילצערן קעסטעלע וואס איז געשטאנען אויף א ווינקל־טישל ביי דער זייט פון אויוון, זענען מיר געזעסן זאלבעדריט, איך און מיינע צוויי שוועסטערלעך.

אין שטוב איז שוין געווען האלב־טונקל. די סטעארין־ליכט אויפן גרויסן טיש אינמיטן דער שטוב, וואס ברענען געווייינטלעך אין די זילבערנע לייכטער האבן זיך שוין אויסגעברענט. די מאמעשי אונדזערע, האט נאר־וואס אוועקלייגט דאס מחזור פון דער האנט, ווו זי האט נאכגעדאוונט די תחינות און די תפילות, וואס זי האט פארפעלט אין שול. אין האלב־טונקלען האבן זיך פאר מיין בליק צעשפילט די בלישטשענדיקע טרערן אין אירע אויגן. א וודאי געבעטן און תפילה געטון פאר אונזער געזונט.

אין אירע ווייס־אטלעס ברייט קליידל מיטן ווייסן זיידענעם שאל וואס האט באדעקט איר קאפ ביז פאר די אויגן האט זי, די מאמעשי אויסגעזען ווי א הימלישע הייליקייט עפעס ווי א מלאך.

זי האט געקוקט אויף אונדז מיט אירע ליבהארציקע, ווייכע פרומע אפלען מיט אוויפיל מילדקייט און צארטלעכקייט פון ליבע, אז מיר האבן דערפילט ווי גערן זי וואלט אונדז ארומגענומען און אונדז צוגעפרעסט צו איר ברוסט.

ווי אַ שטילער מלאך האָט זי זיך באַוועגט אין שטוב און דאָס לאַנגע ווייס־זײַדענע קליידל האָט ווי פאַרהוילן אירע באַשטרומפּטע פיס. מיר האָבן נישט געזען און ווי נישט פאַרנומען צומאָל אירע טריט. און מיט חידוש און פאַרווונדערונג האָבן מיר נאָכגעקוקט אונדזער פרומע, שיינע מוטער מיט אַ היי־ליקער שטילקייט.

— גייט, קינדערלעך שלאָפן! — האָט זיך אָנגערופן די מאַמעשי מיט אַ וואַרעמען מילדן טאָן אין וועלכן מ׳האָט פאַרנו־מען מער אַ בעטן ווי אַ באַפעל — גייט שלאָפן. דער טאַ־טעשי קומט סיי־ווי נישט היינט אַהיים. ער בלייבט אין בית־המדרש ווי זיין אַלטער מנהג איז, פון כל־נדרי ביינאַכט ביז מוצא׳ יום־כּיפּור. גייט, גייט קינדערלעך, שוין צייט צו שלאָפן.

דערהערט, אַז דער פאָטער אונדזערער קומט היינט נישט אַהיים, פאַר וועמעס באַפעל מיר האָבן שטענדיק געציטערט און פּינקטלעך געפאָלגט, איז אונדז באַפאַלן עפּעס אַן עקשנות נישט אַזוי גיך צו לייגן זיך שלאָפן. ס׳האָט זיך אונדז פּשוט נישט גע־גלוסט אָפּצורייסן פון דער מיסטישער שטימונג וואָס האָט אונדז באַהערשט און זיך געפּילט ביי אונדז אין דער שטוב, ביים טונקעלען פלעמעלע פון וואַקס־ליכט, אַרום וועלכן ס׳האָבן ווי געשוועבט עפּעס אַזעלכע דורכזיכטיקע מלאכים־אייגעלעך — נשמות אַרטלעות.

ווען די מאַמעשי איז צו אונדז נענטער צוגעטרעטן, גענומען אונדז גלעטן די קעפּלעך, געבעטן זיך ביי אונדז, מיר זאָלן דאָך גיין אין בעט אַריין האָבן מיר זי ליבלעך געצויגן ביים אַרבל, באַלייגט זי מיט קושן, געבעטן זיך ביי איר, זי זאָל זיך צו־זעצן מיט אונדז אויפן בענקל נעבן בעט און אונדז עפּעס דער־ציילן. ביזן שלאָפן איז נאָך צייט גענוג.

די מאַמעשי האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א נידעריק ריטשקעלע (פוסבענקל) נאָענט צו אונדזער באַנק. פאַרקוקט זיך אויפן וואַקס־ליכט און לאַנג זיך פאַרטראַכט. מיר קינדער, זענען געבליבן זיצן שטיל, אָן באַווע־גונג, דעם אָטעם צוריקגעהאַלטן, ווי נישט צו שטערן איר נאָכ־

קלערנדיקן געדאַנק. אונדזערע בליקן זענען געהאָנגען אָן דעם בליק פון די שוואַרצע באַהנטע פאַרחלומטע אַפּל פון אונדזער מו-טער מיט נייגעריקייט, וועלכע זענען געווען אָנגעשפּיצט אויפן ברענענדיקן וואַקס-ליכט. ווי זי וואָלט פון אָט דעם יום-כּפּור-ליכט געשעפּט און אָפּערגערופן אַלטע זכרונות פון אַמאָליקע צייטן. ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, האָט זי מיטן קאָפּ אונ-טערגעשאָקלט. אירע אויגן האָבן ווייס, ווייט זיך פאַרטראַכט דאָן געווענדט זיך צו אונדז און גענומען דערציילן:

— איך האָב מיך דעמאָלט געקליבן אין קימפּעט אַריין מיט דיר, מיין זון. ביי די ווערטער האָט זי מיט איר וואַרעמער ווייי-בער האַנט א גלעט געטון איבער מיין פּנים. — יאָ, גראָד דרייצן יאָר וועט ווערן, אייער זיידע, מיין פאָטער עליו-השלום, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, נאָך געווען ביי אונדז. געקומען איז ער געוואָר ווערן ווי ס'האַלט מיט מיר. מיך האָט ער נאָך געטראָפן ארומגיין, ווייל ערשט ערב-סוכּות ביזטו געבוירן געוואָרן. עפּעס שטאַרק פאַרזאָרגט האָט ער, דער זיידע אייערער אויסגעזען. דעם טרויער האָב איך אים באַלד אָראָפּגעלייענט פון זיין פּנים, איך האָב אים זייער שטאַרק ליב געהאַט און זייער בכּבוד געהאַלטן, בין איך געגוג דרייסט געווען אים איבערצופרעגן די סיבה פון זיין שלעכטן אויסזען.

— ס'איז גאָרנישט, — איז געווען זיין ענטפער, געמיינט האָט ער מיך צו באַרויקן. דאָס האָב איך אָן אים דערקענט איך בין אָבער צו אים צוגעשטאַנען, מחמת זיין „גאָרנישט” האָט מיך אויפסניי באַאומרויקט. געווען איז דאָס געזאָגט עפּעס מיט אַ צו פאַרביטערטן יאוש-טאָן, ער האָט דערויף אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ ווי אייגער זאָגט: — לאָז געמאַך, בעסער אַז איך שווייג.

גראָד איז אַריינגעקומען אין שטוב אייער טאַטעשי, אים צו לענגערע יאָרן. דער זיידע עליו-השלום איז נאָך געווען אַביסל פאַרטראַכט, אַ פּנים געהאַט מיט זיך אַן אינערלעכן קאַמף: „יאָ רעדן, נישט רעדן”. דערנאָך זיך געווענדט צום טאַטעשי מיט דער פראַגע:

— האָסט געזען נעכטן, שמואל, דעם אָפּגעריסענעם אורח אין שול שטייענדיק דאָרטן הינטן נאָענט צו דער טיר ביים וואַקסענעם ליכט?

— געזען, נו איז וואָס? — איז געווען דער ענטפער פון אייער פאָטער.

— הערסט שמואל — האָט דער זיידע, ווי פאַרטרויט אים אַ סוד, ווייטער גערעדט, די אויגן ביי אים זענען ווי מיט אַ הייטל פאַרצויגן געוואָרן, דער שטערן ביי אים געגרינצלט, דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים אַנדערש געוואָרן, דאָס קול זיינס האָט געציטערט ביים דערציילן — הערסט, נאָך פאַראַיאָרן האָב איך אים געזען צו כּל־נדרי אויך צומאָרגנס דעם גאַנצן יום־כּיפּור־טאָג איז ער געשטאַנען אויף דעם אייגענעם אָרט, אין די אייגענע צעריסענע מלבושים ווי נעכטן, געהאַלטן אין דער האַנט אַ סידור אָדער אַ מחזור, די גאַנצע צייט איז ער געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט־צו. דאָס הייסט צום וואַקסענעם ליכט דאָרטן אין ווינקל, אָן אַ טלית, אָן אַ קיטל אויף זיך, גראָד ווי נעכטן. גע־טראַכט האָב איך מיר: אוודאי עפּעס אַן אָרעמער גענעל ביי אַ שוסטער דאָ, אַן אַלטער בחור מיט אַ גלאַטיק פּנים, אָן באָרד, אָן חאָנסעס, מסתּמא אָנגעקומען פון דער פרעמד ערגעץ. אָבער היי־יאָר, אַז איך האָב אים ווידער דערזען אין דעם זעלבן „מעמד", אין דער שול און אפילו אויפן זעלבן אָרט אין די זעלבע מלבושים און אין שטעטל אַ גאַנץ יאָר נישט געזען אים פאַר די אויגן, איז עס מסתּמא אַ סימן, ווייזט אויס אַז ער איז אַ פרעמדער, כ'מיין אַן אורח. כּדאַי אים אַהיימצורופן, טראַכט איך מיר, אויף איבערצוביסן נאָכן פאַסטן. ווי דו ווייסט, שבת אָדער יום־טוב גיי איך אָן אַן אורח קיינמאָל נישט אַהיים. מילא, לאָז זיין דער, האָב איך מיר געטראַכט.

ס'איז צוגעפאַלן מנחה־צייט, דער נאָך־נעילה, איך האָב דעם אורח פון אויג נישט פאַרלוירן, די גאַנצע צייט אַהינגעקוקט צו אים ווי ער שטייט, אַז קיין אַנדערער זאָל זיך נישט פאַדערן פאַר מיר און אים בעטן אַהיים.

פאַר מערב נאָך, בין איך שוין געשטאַנען נעבן אים און אים אַ ווונק געגעבן:

— ר׳ ייד, איר וועט נאָך מעריב אַהיימגיין מיט מיר אי-בערבייסן.

ער האָט אַ זייטיקן בליק געוואָרפן, אויף מיר, דער אורח, און זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

באַלד נאָך מעריב, איך זוך דעם אורח, אָבער אומזיסט מיין זוכן, ער איז כּיר פאַרשוווּנדן פון די אויגן. איך האָב נאָכ-געשיקט דעם שמש אים אויפזוכן — ואיננו, ווי אין דער לופט אַריין פאַרטראָגן געוואָרן.

דורכן זוכעניש האָב איך מיך פאַרשפּעטיקט אויפצוזוכן עפּעס אַן אַנדערן אורח און בין מיט אַ באַטריבט האַרץ דאָסמאָל אַליין אָן אַ אורח אַהיימגעגאַנגען. דאָס עסן איז מיר נישט באַ-קומען. נישט געקאָנט די נאַכט איבערשלאָפן. דער אָפּגעריסענער אורח איז מיר אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן. שמואל גלויב מיר, ס׳איז נישט קיין פּשוטע זאַך, זייט איך בין אַ בעל-בית האָט ביי מיין טיש שבת צי יום-טוב נישט פאַרפעלט קיין אורח, בפרט נאָך מוצאי יום-כּיפּור.

טרויעריק האָט דער זיידע עליו-השלום אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרזונקען זיך אין פינצטערע נאָכגריבלענדיקע מחשבות און געקרעכצט.

די מאַמעשי האָט צוזאַמענגעלייגטביידע דלאָניעס פון די הענט ווי ביים ליכט-בענטשן, אָנגערירט מיט די שפּיץ-פינגער איר שטערן און נאָך אַ קליינער פּויזע ווייטער דערציילט:

— אַז מיר האָבן אים, דעם זיידן עליו השלום, געפּרוּווט דאָס אויסרעדן, אַז ער, דער אורח, איז געוויס געווען אַ איינ-פאַכער אָרעמער הינטערשטעטלדיקער תּושב און ס׳איז אַ פּשוטע זאַך, אַז אַ הונגעריקער נאָך אַ גאַנצן טאָג פאַסטן האָט ער זיך אונטערגעאײַלט אַהיים און גיך זיך אַרויסגערוקט הינטער דער שטאָט און ממילא לויגנט זיך נישט צו שוואַכן דעם קאָפּ. האָט דער זיידע, אַ גוטער מליץ זאָל ער דאָרט זיין, פאַר אונדז אַלע, ווי נישט הערנדיק אונדזערע ווערטער, ווייטער געזאָגט:

— דוכט זיך מיר, אַז איך האָב קיין טעות נישט... נישט קיין פּשוטע זאַך, הלוואַי, רבונו-של-עולם נישט, ווי יאָ. ———איבעריקנס -- — — אין גאָטס האַנט זענען מיר אַלע.

און אַזוי זיצנדיק דעם קאָפּ טיף געזונקען האָט זיך דער זיידע באַטריבט געשאָקלט, ווי ער וואָלט עפּעס פאַר זיך גע-רעדט אָדער מתפּלל געווען, זיינע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוויגן.

פון דער צייט אָן, האָט דער זיידע עליו-השלום, אָנגע-הויבן שלעכט אויסזען. וויינקער ווי אַלעמאָל געגעסן, קנאַפּער געשלאָפן און נאָך ווייניקער גערעדט. דער שווערער ווינטער פון זעלבן יאָר, מיט דעם נישט געזונטן וועטער האָבן צוגע-האָלפן שלעכט צו ווירקן אויף זיין אַזוי אויך שוין אָפּגעשטאַנע-נער געזונטהייט. ער איז מער געלעגן אין בעט ווי אַרומגעגאַנ-גען. אָן אָפּגעצערטער און אויסגעשוואַכטער האָט ער זיך מיט זיין קראַנקהייט געשלעפּט ביז אסתר-תענית, נישט געוואָלט טועם זיין ביז נאָכן מגילה-לייענען. נאָך אין זעלבן אָוונט איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען ווי ביי אַ צדיק. עטלעכע מינוט פאַרן טויט, האָט ער זיך אויפגעזעצט, אָנשטרענגענדיק זיך מיט אַלע כוחות, אויסגעשטרעקט זיין רעכטע איינגעדאַרטע, ציטערדיקע האַנט און מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט: „ברוך הבא ר׳ אורח, זעצט זיך, עסט מיט”. זיין נשמה רוט געוויס אין גן-עדן.

די מאַמעשי האָט, מיד פון דערציילן, טיף אָפּגעאָטעמט, פאַרבעסערט דעם זיץ אויף דעם ריטשקעלע, געמאַכט הכנות צום המשך פון דער דערציילונג, מיר קינדערלעך האָבן זיך צו איר נענטער צוגערוקט. נישט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון איר. זי האָט אין טונקעלן שיין אויסגעזען ווי אַ לעגענדאַרישע קעניגין אין די וואונדער-שיינע קינדער-מעשהלעך.

— די טרויעריקע שבעה-טעג זענען אַריבער — האָט די מוטער ווייטער דערציילט — דערנאָך די שלושים, נישט אַזוי לייכט האָבן מיר געקאָנט פאַרגעסן אונדזער אַלעמענס געליבטן און געאַכטן פאָטער. מיר האָבן צו זיך אַריבערגענומען די באָבע, מיין מוטער, ווייל אַליין צו בלייבן אין אירע שטובן, אייגנע אַליין, איז איר נישט ניחא געווען. ביי אונדז האָט זי זיך בעסער

געפילט. דיך, מיין זון, האָב איך דעמאָלט געגערט; זי, די באָ-בע האָט דיך געפיצטשעט, געצאַצקעט זיך מיט דיר, איר יונגסט אייניקל. אזוי איז אַריבער דער פרילינג דערנאָך דער זומער. אָנגעקומען איז ווידער יום-כפור.

דאָסמאל איז די באָבע עליה - השלום, מיטגעגאַנגען מיט אין דער שול צו כל-נדרי. א טרויעריקע דערמאָנונג האָט אונדז אַלעמען באַקלעמט דאָס האַרץ. יעדער פון אונדז האָט פאַר זיך געטראַכט וועגן פאַראַיאָריקן טרויעריקן יום-כפור מיטן אורח, וואָס איז געווען די סיבה פון ויידנס טויט; קיינער פון אונדז האָט וועגן דעם נישט גערעדט.

אַרייַנקומענדיק אין די ווייבער-שול, איז מיין ערשטער בליק, געווויס אויך מיין מוטערס בליק, געפאַלן דאָרט אַהין, צו דער טיר ביים וואַקסענעם ליכט... מחמת פון אונדזערע ביידנס ברוסטן האָט זיך אין דער זעלבער רגע אַרויסגעריסן אַ שווער טיפער קרעכץ.

אין דער מענער-שול אונטן, זענען נאָך אַ סך פלעצער נישט געווען פאַרנומען.

מיר, איך און מיין מוטער, זענען מיר געשטאַנען ביי איין שטענדער.

אויפגעבלעטערט האָבן מיר די תפילות פאַר כל-נדרי און מיט געבראָכענע געמיטער זיי געזאָגט.

דער עולם יידן, האָט פון מינוט צו מינוט אָנגעפילט די שול. דער רב מיט נאָך צוויי חשובע בעלי-בתים זענען צו צום עמוד פון חזן, געזאָגט דעם „על דעת המקום” מיר ביידע, איך און די באָבע האָבן זיך גוט צעווײנט, דערמאָנענדיק זיך, אז מיט א יאָר צוריק, איז אָט דאָרט, ביים עמוד געשטאַנען צום לעצטן מאָל אייער ויידע.

דער חזן האָט שוין צום דריטן מאָל געזונגען דעם כל-נדרי; פלוצים, ווילט זיך מיר עפעס אַ קוק טון אַהינצו צו דער טיר, ביים וואַקסענעם ליכט. ווי א געהיימער כוח האָט עס מיינע אויגן אַהינגעצויגן. געפילט האָב איך, אַז איך קאָן מיך נישט אָפּזאָגן דערפון. ס'ציט, ס'רייסט זיך מיטגעוואַלט אַהינצוקוקן.

נישטווילנדיק האָב איך געמוזט נאָכגעבן. איך הייב אויף מיינע אויגן, ווארף אַהין אַ בליק און וואָס ?

גאָט מיינער! וואָס זע איך? איז דאָס אמת?

דער אורח אין זיינע צעריסענע מלבושים, מיטן פנים צו דער וואַנט צו, מיטן איינגעבויגענעם קאָפּ, גראָד אַזויווי דער זיידע עליו-השלום האָט אים אין יענע טרויעריקע טעג געשילדערט.

ווי פאַרשטיינערט בין איך געבליבן. דערפילט ווי די האָר שטעלן מיר אין קאָפּ, די קניען ציטערן מיר, מיינע אויגן שטאַרן אַהינצו צו דער טיר. די באָבע עליה-השלום, האָט מסתמא מיין שרעק באַמערקט און אויך אַהינגעווענדט איר בליק. א האַרצרייסנדיקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר מויל, וועלכעס איז געבליבן אַזוי אויפגעשפּאַנט נישט קאָנענדיק עס מער צומאַכן. אין דער מענער-שול ווי אין דער ווייבער-שול איז אויסגעבראָכן א פּאַניק, אַלע זענען פאַרציטערט אויפגעשפּרונגען. איך האָב פאַרגעסן אָן מיין אייגענער שרעק, האָב די באָבע אָנידערגעזעצט, זי איז געבליבן אין חלשות.

— וואַסער! וואַסער! — האָבן ווייבער געשריגן, געקוויטשעט, געספּאַזמירט. מענער זענען זיך אָנגעלאָפן, א געדרענגעניש א געשריי, אַ געלויפעניש, א סך האָבן גענומען מאַכן קולות:

— עס ברענט!

ווייבער האָבן זיך געריסן אַרויסצוקומען, מענער אַריינצוקריגן. אָבער קיין ביסל וואַסער צו דערמינטערן זעט מען נאָך אַלץ נישט. ערשט שפּעטער אין א פערטל שעה אַרום האָט זיך א מאַנספּערשוין אַהערבאַקומען און מיט שאַרפע יום-כּפּור-טראָפּן, דער באָבן אייגגעריבן די שלעפן, געהאַלטן דאָס אָפענע פלעשל פאַר איר נאָז. זי האָט געעפנט די אויגן, אַביסל געקומען צו זיך און מיט שרעק זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט עפּעס זוכן. מיר האָבן זי אַרויסגעפירט אויפן שול-הויף אַרויס, אַנידערגעזעצט אויף א באַנק. זי האָט אויסגעזען א שטאַרק דערשראָקענע און נישט באַוויגן מיט די ליפּן צומאָל.

דער טאַטעשי אייערער, וועלכער האָט געדאַוונט אין בית-

המדרש, (דען זיים דעם זיידנס טויט איז ער אוועק דאָרטן דאַווענען) געוואָר ווערנדיק וואָס מיט דער באָבן איז פאָרגעקומען, איז געקומען צולויפן א דערשראָקענער. הערנדיק פון מיר די סיבה פון איר חלשן און, אַז דער אורח געפינט זיך נאָך אין שול, האָט ער אין דער געשווינטקייט אודנז באַרויקט און זיך געאײַלט אין שול אַריין. צוריקגעקערט צו אונדז איז ער נאָכן דאַוונען, ווען דער עולם האָט שוין גענומען אַהיימגיין.

— וואָס, שמואל, — האָב איך אים געפרעגט — האָסט אים געזען?

— געזען, געקוקט אים אין פנים אַריין, — איז געווען דעם טאַטעשיס ענטפער — א יונג אַן אָרעמאַן, מיט א גלאַט ראַזירט פנים, און גאָרנישט מער. מיך האָט ער אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק, א שטייגער פאַרוואָס איך קוק אים אַזוי אין פנים אַריין און זיך מער צוגעבויגן צו דער וואַנט צו.

מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט לענגער זיך אָפּצושטעלן איבער דעם משונהדיקן אורח. גענומען האָט מען ביידע, איך און דער טאַטעשי, די באָבע אונטער די אָרעמס און שריט-ביי-טריט זי אַהיים געפירט. כדי אָבער צי פאַרקירצן דעם וועג און נישט אָפּהאַקן זיך די פיס אויף די גרויסע, נישט גלייכע ברוקשטיינער, האָבן מיר גענומען גיין דעם נענטסטן וועג אויפן טראָטואַר אַקעגן איבער דעם אַלטן קלויסטער.

געדוכט האָט זיך אונדז, אַז פון דריבן ביים מויער פון קלויסטער דערגייט צו אונדז דאָ אַהער אַ מעלאָדיע. ווען מיר זענען נענטער צוגעקומען און געקאָנט גלייך אַריבערקוקן, האָבן מיר דערזען אַ בילד, גאָטעניו טייערער! דער אָרעמער אין די צעריסענע מלבושים, דער אורח, גייט זיך הצרט נעבן קלויסטער-מויער, שריט-ביי-טריט און זינגט פאַר זיך, שטיל אומהיימלעך, ווי פון א קבר אַרויס מיט אַזאַ רירנדיקער טרויעריקע מעלאָדיע דעם כל-נדרי-ניגון...

מיר האָבן אַזש פאַרלוירן די חושים, נישט מער געוווסט וואָס אַרום אונדז טוט זיך, וואָס דאָ קומט פאָר; דאָס בלוט אין די אָדערן איז אונדז פשוט פאַרגליווערט געוואָרן, האָר און נעגל

האָבן זיך אונדז אויפגעשטעלט. מיט דעמזעלבן פּאַמעלעכן טריט ווי מיר, האָט זיך יענער דריבן געשלעפּט, געזונגען זיך די ווערטער פון כּל-נדרי און אונדז האט געריסט אין מוח און דאָס האַרץ געצאַפּלט. ערשט ביים עק פון קלויסטער, ווו די אייזערנע טירן פון גרויסן טויער זענען אָפּגעשטאַנען איז ער פאַרשוווּנדן.

אונדזערע בליקן, מיינע און דעם טאַטעשיס האָבן זיך שטאַר און שרעקעדיק באַגעגנט, איינער ביים צווייטן האָט די שרעק פון די אויגן אַרויסגעלייענט און ביידע האָט מען באַטראַכט די באָבע, אויב זי האָט דאָס אַלץ געזען און געהערט. מיר האָבן עס נישט געקאָנט וויסן, מחמת פאַר שרעק האָט מען דעם גאַנצן וועג צווישן זיך גאָרנישט גערעדט.

פירנדיק אַזוי די באָבע אונטער די אָרעמס האָט מען דערפילט ווי זי ווערט וואָס אַמאָל שווערער. קוים מיט שרעק און מיט גרויס מי האָט מען זי אַהיימגעבראַכט, איר אין בעט אַריינגעלייגט. אויף אונדזער פראַגע ווי זי פילט זיך, האָבן מיר קיין ענטפער נישט באַקומען. דער באַלד גערופענער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט א שווערע האַפּנונגסלאָזע לעמינג.

די קראַנקהייט האָט צוגענומען מיט יעדער שעה. די קראַנקע האָט נישט גערעדט, גאָרנישט פאַרשטאַנען און צוויי טעג נאָך סוכּות, האָט זי איר פרומע נשמה אָפּגעגעבן דעם הימל. דאָס האָט אונדז דעמאָלט שיער דאָס לעבן נישט געקאָסט, מיר זענען נאָך איר געבליבן אין א שווערן, שווערן טרויער און לאַנג, לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך.

ווי נאָך א שווערער אַרבעט, זייער מיד, האָט זיך די מאַמעשי געמוזט אָפּרוען, דעם שטערן אירן האט זי אָנגעלענט אויף ביידע דלאָניעס, וועלכע זענען מיט די עלנבויגנס געשטיצט געווען אויף אירע קני. מיר אַרום איר זענען נאָך געזעסן טרויעריק איינגעקנוילט אין זיך. אַרום אונדז אַלע האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך געפלאָנטערט ווי אין א נעפּל דאָס בילד פון זיידנס און דער באָבעס טויט, ווי אויך דער

רעטזעלהאַפטער אורח אין די צעריסענע מלבושים. ביים לעצטן האָט זיך מיין פאַנטאַזיע צעשפּילט: — א טונקעלער נישטגוטער עפּעס, א שליח פון מלאך־המות. א שוואַרצער באַוועגלעכער פלעק וואָס וואַגלט צווישן קלויסטער און שול. ווי א שוואַרצע קראָ, וואָס פליענדיק שטעלט זי זיך אָפּ אויף די הויכע שאַרפן פון די דעכער, אויפן צלם פון קלויסטער, קומט צו פליען אויפן הויכן טורעם פון אונדזער שול, נידערט אַמאָל אַראָפּ צו די מענטשן, זיי א שלעכטע בשורה צו ברענגען, אַן אָנזאָגער פון טויט.

געוואָלט האט זיך מיר מיין מוטער נאָך עפּעס פרעגן וועגן דער געהיימנישפולער פיגור — דעם אורח. די טרויעריקע שטיל־קייט וואָס האָט זיך אָנגעוועבט אין אונדזער טונקעלן צימער, ווו ס׳האָט זיך בולט געשפּירט עפּעס ווי טויטע שאָטנס שוועבן אַרום, דערנענטערן זיך צום וואַקסענעם ליכט און פאַרייניקן זיך מיטן פלעמל וואָס ברענט אַזוי שפּרינגענדיק טונקל־געל, פלאַמט אויף און ווערט ווידער קליין ווי צום אויסגיין, האָבן מיך דערפון אָפּגעהאַלטן.

די מאַמעשי האט זיך אויסגעגלייכט און ווי שוין צום אויפשטעלן זיך, האט זי נאָך צוגעגעבן.

— יאָ קינדערלעך, כ׳האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אז צומאָרגנס פונם דעמאָלטיקן כל־נדרי, דאָס הייסט, דעם גאַנצן יום־כפּורדיקן טאָג, האט זיך דער פרעמדער אין די צעריסענע קליידער נישט מער באַוויזן אין שול.

פון דעמאָלט אָן זענען שוין אַריבער דרייצן יום־כיפּורס און אים האט קיינער מער נישט געזען.

מענטשן אָבער דערציילן, אז יעדעס יאָר צו כל־נדרי ביי־נאַכט, פלעגן דורכגייער נישט וויט פון קלויסטער, דאָרטן ביים הינטערן אַלטן קלויסטער, טיילמאָל ביים פעלד וואָס גרענעצט זיך מיטן קלויסטער הערן זינגען שטילע נגונים פון כל־נדרי. ר׳ בער, דער אַלטער שמש פון שול האט געזאָגט, אַז דאָס איז דער רוח, די פאַרשאָלטענע נשמה פון עפּעס א משורר, וואָס וואַגלט אַרום און געפינט נישט קיין רו. געזונגען האָט ער, דער משורר, אַמאָל

בײַ אַ היגן שול־חזן, שוין גאַנץ לאַנג איז דאָס געווען, ר׳ בער אַלײן איז נאָך דעמאָלט אַ קלײן יונגעלע געווען. ער, ר׳ בער דערקענט אָבער נאָך איצט זײַן שטים. דאָס איז דער משורר. וואָס האָט זיך דעמאָלט געשמדט און זוכט איצט זײַן תּיקון. אַנדערע ווידער דערצײלן, אַז דאָס איז אַ לעבעדיקער משומד, וואָס זוכט לעבעדיקערהײט אַ תּיקון צו זײַן געשמדטער נשמה... ווער דאָס איז, ווײל איך איבער מײַן מויל נישט ברענגען... באַהיט מיך רבונו־של־עולם, דעם צדיקדיקן רב אין קבר זאָל עס צו קײן גבאי נישט זײַן...

דאָס ברענענדיקע וואַקסענע ליכט איז שוין אויף אַ שטיקל קלענער געוואָרן, דאָס קנײטל צאַנקט, צאַפּלט ווי צום אויסגײן און פלאַמט ווידער אויף. אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, באַוועגן זיך און היפּען אונדזערע שאָטנס, לויטן באַוועגן זיך פונם פלעמעלע. די מאַמעשי זיצט נאָך אַ שטילינקע פאַרטראַכט. זי לעבט איצט מסתמא נאָך איבער יענע פאַטאַלע נעכט.

הינטערן פענצטער פון אונדזער שטוב הערן זיך ווײכע טריט פון אַ פאַרבײַגײער, ווי אין פילצענע פאַנטאָפל און אַ ציקלען זיך שטיל הינטערן גאָז פאַר זיך פונם כּל־נדרי־נגון, אונדז דוכט זיך, אַז אָט, אָט, הערט זיך דאָס פונם דריבנדיקן אַלטן קלויסטער.

דאַן איז געוואָרן שטיל.—שטיל אויפן גאַס, שטיל אין דער שטוב און שטיל טרויעריק אויף דער נשמה.

# דאָס געשמדטע פּאָרל

(ל״ג-בעומר שפּאַציר)

אונדזער גאַנץ שטעטל מיטן רבין אין דער שפּיץ, ר׳ בעריל שווייגער, ווי מ׳האָט אים גערופן (די רביצן האָט פּאַרקויפט מילך. האָט אונדזער רבי דעריבער באַקומען דעם צונאָמען „שווייגער״) זענען מיר דאָסמאָל אין ל״ג בעומר אַרויס הינטערן שטאָט אויף אַ שפּאַציר.

געווען איז עס אַ הערלעכער מאַי-טאָג. אַ מילדע זון האָט פאַרשווענדעריש געשפּרייט און געזייט בינטלעך וואַרעמע שטראַלן, געלאָקט און גערופן אַרויס אויפן פעלד.

אַ דערקוויקנדיקע לופט האָט אונדז, אַ מאַן צוועלף חדר-יונגלעך אַרומגענומען, ווען מיר זענען אַרויס הינטערן שטעטל. די פעלדער מיט די יונגענקע, גרינע גרעזעלעך, האָבן אַזוי געגלאַנצט אַקעגן דער זון, אונדז באַגריסט מיט זייער שטיל שאָקלען זיך: סקאָצל קומט הערציקע חברים, אויך מיר קריכן ערשט וואָס אַרויס נאָכן ווינטער שלאָף. קומט קונדייסים, שטיפערס. מיר וועלן צוזאַמען זיך שפּילן.

אַ הערציקע פרייד האָט אונדזערע פאַרשמאַכטע הערצער אָנגעפּולט, דערשפּירנדיק דעם ריח פון די צעגאָסענע דופטן, וואָס דאָס לייכטע, וואַרעמע מאָרגן-לופטל האָט אָנגעיאָגט פון די פרומיקע סעדער און גערטנער, וואָס האָבן אונדזערע פּנימער געגלעט. דער בלויער הימל מיט די צעוואָרפענע שטיקער ווייס-זילבערנע פּאַסן, האָט געהאַט אַ אין-סופיקע טיפקייט, וואָס מיר

האָבן אין שטעטל קיינמאָל נישט אָנגעזען. דאָרטן אין שטעטל איז דער הימל נישט גרעסער געווען ווי דער מאַרק... צווישן די צונויפגעטוליעטע הייזלעך, אין מיטן, וואָס שיידט פֿאַנאַנדער די קירך פֿון בית־המדרש.

דער רבי אַליין האָט אַפֿילו אויסגעזען יום־טובֿדיק, אינם שבתדיקן מלבוש מיטן סאַמעטענעם קאַשקעט, וואָס ער האָט זיך פֿאַרגינען אָנצוטאָן היינט צוליב דעם יומא־דפּגרא, ל״ג־בעומר. דאָס שוואַרצע שיטערע בערדל זיינס, עטוואָס לענגלעך, די האָר אין גלייכע רייען, נישט צעקרומט און צונויפֿגעקנוילט פֿונם קלאַמערן און דרייען צווישן די פֿינגער, בשעתן קנעלן מיט אונדז דעם שיעור. זיין כמאַרעדיק פּנים, וואָס האָט שטענדיק אַ אַש־גרוי קאָליער. זעט אויס אויפֿגעפֿרישט אויף דער קילבלעכער לופֿט. די קנייטשן, וואָס פֿאַרלויפֿן פֿון זיין שטערן ביז איבער די באַקן, דוכט זיך, זענען היינט פֿלאַכער און גלאַטיקער ווי שטענדיק. צלך, אַלץ פֿרייט זיך און לאַכט מיט אונדז, אַפֿילו דעם רבינס פּנים, וואָס איז אייביק אָנגעבראָגזט, דוכט זיך, שמייכלט היינט יום־טובֿדיק אַקעגן...

פֿאַר די געלע זאַמד־בערגלעך נעבן בית־עולם, פֿון וואַנען די שטאָט נעמט גענן זאַמד צו באַשיטן די אָפּגעשאַרטע פּאָדלאָגעס לכּבֿוד־שבת און יום־טובֿ און אַמאָל אויך אין אַ וואָכעדיקן טאָג, ווען געסט דאַרפֿן קומען, — האָבן מיר געמאַכט די ערשטע סטאַציע, אַ קילאָמעטער ווייט פֿון שטאָט אַוודאי...

מיר האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, אָנגעפֿירט אַ מלחמה צווישן זיך, בֿאַלד זענען מיר אַרויף אויפֿן באַרג, אָפּגעשטויסן דעם שונא, באַנוצנדיק זיך מיט אינדזערע הי צערנע פֿיילאָנבויגנס און שווערטן, וואָס מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך, ספּעציעל אויסגעאַרבעט לכּבֿוד ל״ג־בעומר; שפּעטער ווידער, האָט דער צווייטער צד גובֿר געווען, אונדז פֿון דער פֿאַרנומענער פּאָזיציע פֿאַרטריבן. אונדזער רויש, שרייען און געפֿילדער האָט אָנגעפֿולט די לופֿט. די פֿייגעלעך אויף די ביימער און אין דער לופֿטן האָבן מיט אונדז מיט געיובלט, מיד געוואָרן שוין אַ ביסל פֿון דער „מלחמה״, האָט מען גענומען מאַכן קאָזשאָל-

קעס באַרג־אַראָפּ, אָן שום פּחד פאַרן רבין, וועלכער איז דאָס־מאָל געווען מילדער צו אונדז ווי א גאַנץ יאָר...

— אַהין צום וועלדל! — איז געווען די קאָמאַנדע פון רבין.

ווי זעלנער אין רייען, האָט מען זיך אויסגעשטעלט און אָפּמאַרשירט.

דער רבי אין מיטן, מיר אַרום אים. צוערשט איז מען געגאַנגען באַשיידן, שריט ביי שריט, איבער די שטעגלעך צווישן פאַרזייעטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געשלענגלט און געקרומט אַרום וואַסער־ראָוון און גראָבנס, ביז מיר זענען אַרויס אויפן פרייען גראָז־פעלד. דאָס וועלדל איז שוין נאָענט. די גרינע געדיכטקייט שיקט אונדז שוין צו זיין וואַלד־ריח. דער ריח־השדה, מיטן סאָסנאָוון אַראָמאַט פאַרשיכורן אונדז און רייצן אונדז אָן צום לויפן. ס'העלפט נישט דעם רבינס קולות. ווי ווילדע זשרע־בעקלעך האָט מען זיך אַלאָז געטון. דער שאָטן פון וואַלד האָט אונדז פריינטלעך און שמייכלדיק אויפגענומען.

דער רבי איז א פאַרשוויצטער, אַ ביסל א פאַרייטלטער נאָכגעקומען, אויפן גראָז אין שאָטן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וואַלד אריין.

דיביימער האָבן נאָך געהאַלטן פאַרבאָרגן אין זייערע אויסגעשפּרייטע, געדיכטע צווייגן די נאַכט קילקייט פון טוי. מיר האָבן זיך מחיה געווען און טיף אָנגעפּילט אונדזערע לונגען מיט קילער לופט.

— אַ וויעוויורקע! א וויעוויורקע! — האָט איינער פון די חברים, שפּרינגענדיק פאַר שמחה אויסגערופן און, אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף א בוים. אַלע האָבן מיר זיך אַ לאָז געטון אַהינצו. דער קליינער, לוסטיקער געל־ברוינער שטיפער, האָט שעלמיש אויף אונדז אַראָפּגעקוקט, זיינע גרויסע טונקעלע אויגן אויף אונדז אָנגעשטאַרט ווי מיט אַ פראַגע:

— הע, וואָס טוט איר דאָ. איר פאַרחושכטע א גאַנץ יאָר אין ענגן דושנעם חדר, דאָ גאָר, ווו פרייקייט שפּראָצט און וואַקסט ?

און מיט אַ „ציפּ ציפּ" איז ער פאַרקראָכן אין אַ בוים־לאָך, ערגעץ אינדערהייך. נאָכאַמאָל ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ מיט די געשפּיצטע שטייפע אויערן. אַ בייג זיך געטון אַהין אַהער, אַ דריי אויס מיטן רוקן, בעת זיין ארויפגעבויגענער עק, ווי אַ האַלבער בויגן, האָט עטלעכע מאָל געמאַכט אַ ציטערנ־דיקע באַוועגונג ווי אַ לילוב ביים בענטשן און — הוש! דאָס ביסנקעלע איז פאַרשוווּנדן.

מיר האָבן דאָס וואַלד־חיהלע באַדויערט, וואָס איז פון אונדז אַזוי געשווינט אוועק. אויף אונדזער רוישיק זיך שפּילן האָט דער וואַלד אָפּגעענטפערט מיט זיין עכאָ. מיר האָבן גע־נומען אויסשרייען פאַרשידענע קולות, געפּרווט דעם וואַלד, אויב ער קאָן אונדז אַלץ נאָכשרייען; קיין איינציק מאָל האָט ער זיך נישט טועה געווען.

די פייגעלעך אויבן אויף דיביימער, היפּנדיק, שפּרינ־גענדיק פון צווייג אויף צווייג, האָבן פאַרגרעסערט אונדזער שמחה מיט זייער טרילערייַ. דער גאַנצער וואַלד, די גאַנצע בריאה אפילו, די פאַרשידענע ווערעמלעך, וואָס זענען דאָ און דאָרט אַרומגעקראָכן, האָבן אָנטייל גענומען אין אונדזער ל"ג־בעומר שמחה.

אָנגעקומען די מיטאָק־שעה. מיד פון אַרומלויפן און פון שפּילן זיך אין „יאָגעלעכץ". די ריינע, פרישע לופט האָט אונדז גוט אויסגעהונגערט; האָבן מיר זיך אויסגעזוכט אַ פּאַסיקן פּלאַץ צווישן הויכע ביימער מיט געדיכטע צווייגן, וואָס האָבן מיט שטאָלץ איבער אונדז זיך געשאָקלט, אָפּקילנדיק די לופט איבער אונדזערע פלאַמיקע באַקן, ווי מיט אַ פעכער איבער אונדזערע קעפּ געפאָכעט.

מיר האָבן זיך גענומען צו פאַרצערן אונדזערע מיטגענו־מענע מעדנים: זעמל מיט פּוטער, קעז און אייער. אַרויסגעזויגן פון די פלעשלעך ווער — מילך, ווער — קאַווע, אָדער טיי. דער רבי האָט אונדז דערציילט פון רבי־עקיבא מיט זיינע תלמידים. ווי זיי זענען אין די טויזנטער אויסגעשטאָרבן במשך די ספירה־טעג, אין וועלכע — מיר האַלטן נאָך זיי ביז היינט נאָך

טרויער; פונקט לג־בעומר האָט זיך די מגפה אָפּגעשטעלט, דעריבער איז דער טאָג פאַרבליבן אַ „יומא־דפגרא״, אַ יום־טוב, בפרט פאַר חדר־תלמידים.

זער רבי האָט געקאָנט שיין דערציילן, דערפאַר טאַקע האָבן מיר אַלע געבעטן דעם רבין, ער זאָל אונדז נאָך עפּעס דערציילן. דער רבי האָט לאַנג נאָכגעקלערט.

— דערציילט אונדז עפּעס פון אַלטן קלויסטער — האָב איך דעם רבין פאָרגעלייגט.

מיין פאָרשלאַג איז דעם רבין געפעלן. ער האָט עטלעכע מאָל מיט דער האַנט געריבן זיין שטערן, וואָס האָט צובאַקומען נאָך אַ פאַר בויגנפאָרמיקע פאַלבן. איבערגעגלעט זיין שוואַרץ־שפּיציק בערדל. אַנידערזעצנדיק זיך אויפן גראָז, האָבן מיר זיך ארום אים אויסגעזעצט אין אַ האַלב ראָד. דער רבי האָט אַראָפּגעלייגט זיין קאַשקעט פון קאָפּ און געבליבן זיצן אין זיין נייער יאַרמלקע.

— פּאַסירט האָט דאָס — האָט דער רבי אָנגעהויבן די דערציילונג מיט אַ שטיקל כונה — מיט אַ יאָר צוועלף—דרייצן צוריק. געוווינט האָט אויפן דאָרף אַ וויאָרסט זעקס פון אונדזער שטעטל אַ יוד מיטן נאָמען ר׳ לייזער דינהס. נישט קיין גרויסער למדן, אָבער דערפאַר אַן אמתער יראי־שמים, א יוד, אַן אָפּגעהיטענער. געהאַלטן האָט ער אין אַרענדע די דאָרפישע קרעטשמע. פאַרמאָגט א סך געלט און א גוטן שם, אָבער מער נישט געהאַט ווי נאָר אַן איינציקע טאָכטער, מ׳זאָגט זי איז געווען אַ יפת־תואר, ווי אַמאָל אונדזער מוטער שרה. איז אים, ר׳ לייזערן, לא־עלינו דאָס ווייב אָפּגעשטאָרבן און די טאָכטער איז אויסגעגאַנגען לתרבות־רעות, דהיינו, געטאַנצט האָט זי אויף גוישע חתונות, און מיט וועמען נאָך דאָרטן געטאַנצט?...

אַרויסקומען אין דאָרף אַריין צו די חתונות פלעגן יודישע מוזיקאַנטן, כלי־זמרים פון אונדזער שטעטל, שמעיה דער כלי־זמר מיט זיינע צוויי בנים. דער עלצטער זון זיינער, האָט געהייסן עפּעס אַ גוישן נאָמען. איך געדענק נישט מער ווי אַזוי, נאָר גערופן האָט מען אים „טראָמפּייט״, מסתמא דערפאַר ווייל

ער האָט געשפּילט אויף אַזאַ כּלי, וואָס האָט זיך אַזוי גערופן אַ ווילער יונג געווען, אויסגעזעען אינגאַנצן גראָד ווי אַ שגץ, אַ גויש פּנים מיט אַ לאַנגער טשופּרינע. געטראָגן אַ מאַרינאַר-קעלע מיט לאַקירטע שטיוועלעך און אַ מאַטשעיוווקע אויפן קאָפּ.

„טראָמפּייט" האָט געשפּילט אויף די גוישע חתונות. ווי ר' לייזערס טאָכטער האָט געטאַנצט, האָבן זיי זיך באַקענט, מילא, צופּיל זיך שוין באַקענט...

איז די חוצפּה פון טראָמפּייטן, דעם כּלי־זמר־יונג אַוועק אויף אַזוי ווייט שוין, אַז ער האָט אָנגעשיקט שדוכים צו ר' לייזערן און זיך געשדכנט צו זיין טאָכטער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ר' לייזערן נישט אָנגעשטאַנען — אַ כּלי־זמר־יונג פון דור־דורות כּלי־זמרים און פעלשערס, זאָל יענער גאָר מיין איי־דעם ווערן. ער האָט דעם שדכן אָנגעזידלט און משלח געווען. זיין טאָכטער, די בת־יחידקע האָט ער געגעבן דעם געהעריקן פּסק און זי נישט געלאָזט מער גיין אויף טענץ. ביי די פּויע-רים זיינע ביי זיך אין דאָרף האָט ר' לייזער געפּועלט צו נע-מען אַנדערע מוזיקאַנטן, אַזוי, אַז דער יונג „טראָמפּייט" זאָל מער נישט האָבן קיין דריסת־הרגל אין דאָרף.

האָט אָבער ר' לייזער נישט געהאַט קיין הצלחה. דאָס טעכטערל איז געוואָרן אַזאַ הצופה און איז דוקא יאָ געגאַנגען טאַנצן. זיך יעדן זונטיק אויסגעפּוצט צו גלייך מיט אַלע שיק-סעס און אַרומשפּאַצירט מיט דאָרפישע שקצים. דער פאָטער האָט געשלאָגן מכּות־רצח און זי די חצופהשע טאָכטער האָט זיך גע-טון דאָס איריקע.

איז אויף ר' לייזערן אויסגעגאָסן געוואָרן אַ שטראָף פון הימל, דאָס מיידל, די טאָכטער זיינע איז אין אַ העלן טאָג אינגאַנצן נעלם געוואָרן, נעלם און נישטאָ.

אין דאָרף האָבן פּויערים געשמועסט צווישן זיך, אַז זי איז אַוועק זיך שמדן.

ר' לייזער איז געלאָפן צום דאָרפישן גלח, צום פּריץ פון דאָרף. מ'האָט געשיקט שלוחים אין אַלע זייטן, איינגעריסן קברים, אָבער, אין קול ואין עונה. נישטאָ און נישטאָ...

א גוטער באַקאַנטער פֿויער פֿון דעם אומגליקלעכן פֿאָטער האָט אים איבערגעגעבן בסוד, אַז די טאָכטער זײַנע שמדט זיך און האָט חתונה מיטן וואַיטס זון, אָבער ווי זי געפֿינט זיך ווייסט ער אַליין נישט. אפֿשר האט ער טאַקע יאָ געוווסט און נישט געוואָלט אויסזאָגן, ווער ווייסט.

ר׳ לייזער איז געפֿאָרן צו אַ גוטן יוד. אויסגעגאָסן זײַן ביטער פֿאַרקלעמט הארץ פֿאַר אים, געוויינט און געקלאָגט, ביז דער רבי, (שוין אויך אויפֿן עולם־האמת) האָט אים געהייסן אַהיימפֿאָרן און אַליין איבעררעדן מיטן שייגעץ, מיטן וואַיטס זון, אים געבן אַ סכום געלט, כּדי אַרויסצובאַקומען פֿון אים, וווּ זײַן טאָכטער געפֿונט זיך. דאָס איבריקע וועט שוין דער אייבערשטער העלפֿן.

און כּך־הוה. ר׳ לייזער האָט צו זיך פֿאַרבעטן דעם יונגן גוי, דעם וואַיטס זון, אויסגעטרונקען מיט אים אַ קעלישעק בראָנפֿן און כּסדר אים צוגעזאָגט, ביז יענער איז געוואָרן בגלופֿין. ר׳ לייזער האָט אים איינגעשטעקט אַ פּאָר גילדן אין דער האַנט אַרײַן, איז יענער נאָכמער אויפֿגעריימט געוואָרן און גע־נומען ווי אַ שיכּור טאַנצן און זינגען, אַרומגעכאַפּט ר׳ לייזערן און מיט אים זיך געפֿרייט און געזאָגט:

— „העי לייזערקע, דו וועסט זײַן מײַן שווער און איך — דײַן איידעם, ווילסט? זאָג! אַ יאָ?“

ר׳ לייזער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז צו־פֿרידן און געענטפֿערט:

— אודאי, געוויס אַזוי, ווי דען?

דער שייגעץ איז אַרײַן אין אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט ר׳ לייזערן און זיך געוואָלט מיט אים צעקושן. אָבער ר׳ לייזער האָט אים מיט ערמה אָפּגעשטעלט און צו אים אַזוי געזאָגט:

— צו וואָס זיך שוין קושן? ערשט, זאָגסטו מיר וווּ מײַן טאָכטער, דײַן כּלה איז, ווו זי געפֿונט זיך; זי איז דאָך מסתּמא אָן אַ גראָשן געלט, איך וויל איר צישיקן זאַכן און אַלץ, וואָס זי ברויך, זי איז דאָך עפּעס מײַן קינד, נישט אמת?

דער שייגעץ האָט זיך אויש צעוויינט פאַר שמחה.

— אי, דו גוטער לייזערקע, דו לייבלעכע פאָטער; האַר־ציקער מייגער, אַט זאָג איך דיר, אָבער דיינע זשידקעס זאָלסטו קיין וואָרט נישט דערציילן, הערסט? באַשטייסט דערויף? דיר זאָג איך אַלץ, און דו זאָגסט מיר צו, יאָ? אַהער דיין האַנט!

ר׳ לייזער האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן, אַרויסצו־באַקומען דאָס וואָרט, ווי זי, זיין בת־יחידקע געפונט זיך און, וואַרעם געדרוקט דעם שייגעצס האַנט אין זיינע, און געזאָגט:

— הערטס אַ מעשה, ווען האָב איך צו דערציילן וועגן מיין טאָכטער, געגנוג, אַז זי באַקומט אַ גוטן מאַן ווי דו ביזט וועמעס דאגה איז דאָס.

— הער לייזערקע — זאָגט דער שייגעץ, שוין מיט מער פאַרטרוי־ען — הער אויס, מיין כלה, דאָס מיין איך, דיין טאָכ־טער, איז איצט אינם אַלטן קלויסטער. זי לערנט זיך דאָרט די פאַטזשעזשעס און אַלץ וואָס אַ קאַטאָליטשקע מוז קאָנען און אין צוויי וואָכן אַרום, ווי דער נייער גלח האָט מיר געזאָגט, וועט זי שוין זיין פּאַרטיק מיט אַלעם, ווייל זי לערנט זיך אויסגעצייכנט גוט, דעמאָלט לייזערקע וועט זי ווערן אַ קאַטאָ־ליטשקע און מיין ווייב.

אויסגעהערט זיך דאָס אַלץ פונם שיכור, האָט ר׳ לייזער לאַנג נישט געמאַכט קיין שהיות, באַלד געקומען אין שטאָט אַריין, זיך משואל־עצה געווען מיטן רב און מיט די חשובי־העיר, בקיצור, מ׳האָט אָנגעווענדט אַלע מיני השתדלותן, ביים בירגערמייסטער, ביים אַפּטייקער, ביים אָרגאַניסטער און ביים לאָוניק און ווי נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט. ר׳ לייזער האָט נישט געשפּאָרט קיין געלט, קיין מתנות, געשיט פון אַלע זייטן. גע־ווען איז עס אָבער א גזר פון הימל, די גאַנצע טרחה איז גע־ווען בחנם.

אַזוי איז ר׳ לייזער גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן פון איינעם צום צווייטן, געלט, מתנות, און ווייטער געלט, געוויינט, געבעטן זיך, נישט געשפּאָרט קיין ווערטער, געקושט די הענט פון יענע, פון וועמען ער האָט געמיינט זיין ישועה צו באַקומען, אָבער,

געבען, — טירן און טויערן פון אַלטן קלויסטער זענען געבליבן פאַר אַלעמען פאַרהעמערט. די דיקע מויערן האָבן נישט געלאָזט אַריינדרינגען דעם אַלטן פּאָטערס געוויין צו זיין איינציקע טאָכטער פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט מיאש זיין.

— געווען איז דאָס — האָט דער רבי אונדזערער ווייטער געצויגן בנעימות און פלעגמאַטיש זיינע ווערטער, הייבנדיק דערביי זיינע קליינע אייגעלעך צום הימל, וואָס די שפּיץ־ביימער האָבן קוים אַביסל בלויקייט אַדורכגעלאָזט און ווי זיך גוט צו דערמאָנען, האָט דער רבי גוט צוגעקוועטשט די וויעס און זיך געריבן דעם שטערן, — יאָ, געווען איז דאָס, ווי איך דערמאָן זיך, גראָד אַרום דער צייט ווי היינט, פאַר שבועות, טאַקע פאַר מתּן־תּורה. ר׳ לייזער איז אַרומגעלאָפן צו וועמען נאָר מ׳האָט אים אָנגעוויזן, אַז יענער קאָן אפשר עפּעס העלפן, אָפּצוראַטעווען זיין איינציקע טאָכטער פון שמד. געשוויצט און געלאָפן, געקרעכצט און זיך שטענדיק געאיילט.

— ר׳ לייזער, וואָס הערט זיך מיט אייער טאָכטער? — האָבן מענטשן געפרעגט אויס רחמנות, געוואָלט אים כאָטש מיט אַ וואָרט טרייסטן, אָדער אַן עצה געבן. דער אומגליקלעכער אַלטער האָט נישט געקאָנט מער רעדן, טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז און געגאָסן זיך פון די אויגן. ער האָט נאָר בלויז געהויבן די פּלייצעס, אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל, אַט ווי איינער זאָגט: אַט דער אויבן אין הימל קאָן נאָר העלפן.

אויסגעזען האָט ער פאַרצאָגט, פאַריאָמערט, ווי אַ חיה, ביי וועלכער מ׳האָט דאָס יונגע פון דער ברוסט אַוועקגעריסן און זי יאָגט זיך פאַרצווייפלט נאָך די רויבער וועלכע זענען שטאַרקער פון איר נישט וויסנדיק דעם וועג וווהין.

דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָט דער אומגליקלעכער ר׳ לייזער געאָפּפערט, כּדי אָפּצוראַטעווען זיין טאָכטער. די קרעטשמע איז געשטאַנען געשלאָסן, ס׳איז קיינער נישט געווען וואָס זאָל אים קאָנען דאָרט פאַרטרעטן און אַזוי איז ער געוואָרן בדיל־הדל, לאָעלינו געבליבן אַ מחוסר־לחם.

די גאַנצע שטאָט האט מיט אים מיטגעפילט, אָבער מיט עפּעס העלפן האָט קיינער נישט געקאָנט.

שבועות ביינאַכט, איך געדענק נאָך ווי היינט וואָ"ט דאָס געווען — האָט דער רבי מיט א צעשאָקלען זיך ווי ביים שיעור לערנען ווייטער דערציילט — מיר, עולם יידן, זענען געזעסן אין בית-המדרש, ווער ס'האט געלערנט, ווער ס'האט געזאָגט „תיקון ליל שבועות". א יומטובדיקייט האט אויף אַלעמען גערוט. די גבאים פון בית-המדרש האָבן זיך געפּאָרעט שוין באַלד צוועלף א זייגער. זיי גרייטן צו צו פאַרטיילן דעם עולם לערנערס ביר מיט עפּל. אַלע אין בגדי-יום-טוב, אויף אַלעמען איז אויסגעגאָסן א שמחה, קיינעם נעמט קיין שלאָף נישט, ס'ווילט זיך נישט קיין דרימל טון צומאָל. א קליינ־קייט „קבלת התורה" די נשמות פון אונדז אַלעמען זענען דעמאָלט מיטגעשטאַנען ביים באַרג סיני, געריייניקט זיך און געהייליקט דריי טעג, ווייל גאָט ברוך־הוא האט אַליין געוואָלט מיט אונדז רעדן און געבן די תורה. דאָס פילט זיך באמת נאָך ביים זאָגן תיקון. די נשמה פילט זיך אַרויס־געטון פון גשמיות, פאַראיידלט און אַהינגעצויגן צו יענער צייט צו יענעם הייליקן אָרט; ס'ווילט זיך פשוט אויסגיין פאַר תענוג־רוחני.

פּונקט ווי איצט דאָ אין וואַלד, אַזוי האָט זיך דעמאָלט אין בית-המדרש געשפּירט ביי די אָפענע פענצטער, וועלכע זע־נען געווען באַהאָנגען מיט גרינס און וואַלד-ביימער אַזאַ ליבלע־כע מחיהדיקע לופטיקייט.

דער רבי האָט מיט א פול אָפן מויל איינגעאָטעמט לופט. די אויגן ביי אים זענען גרעסער און העלער געוואָרן. אונז האָט זיך געדוכט, אַז מיר זיצן אָט דאָרט אין בית המדרש, מיט שבועותדיקער פרייד אין דער נשמה און די ביימער דאָ אַרום זענען אויסגעשטעלט אַלס דעקאָראַציע פאַר די בית-המדרש פענצ־טער. דאָס ליכט וואָס איז פון אויבן דורך די מאַטאָווע גרינ־קייט פון די ביימער אַראָפּגעפאַלן צו אונדז די לייכטע אָפּגעקילטע זון-שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורך די צווייגן אַהערגעגליטשט האָט זיך אונדז געדוכט, אַז דאָס איז דער לבנה-שיין וואָס קומט אַזוי

באשיידן דורכקריכנדיק דורך די ביימער־צווייגן וואָס פאַרשטעלן די אויסגעפוצטע דעקאָרירטע בית־המדרש־פענצטער.

דעם רבינס פנים האט זיך ווידער פאַרצויגן. נאָך אַ קליי־נער פויזע האָט ער גענומען ווייטער דערציילן:

— געוואָרט האָט די עדה „תיקון ליל שבועות"־זאָגער מיט די גבאים, אויפן רב. אַזוי איז שוין געווען דער מנהג אין אונדזער שטעטל מימים־קדמונים, אַז פונקט צו חצות, אַרום צוועלף אַ זייגער, נאָכן זאָגן „תיקון" איז דער רב אַרייַנגעקומען אין בית־המדרש אַריין, געלערנט מיט די בני־תורה אַ שטיקל „זוהר" מעניני־דיומא.

אַזוי אָבער ווי ס'איז שוין געווען האַלב איינס און דער רב איז נאָך נישטאָ, איז דער עולם יידן געוואָרן אומגעדולדיק, באשר מ'איז געוווינט, אַז דער רב קומט שטענדיק פונקט צוועלף אַ זייגער נאָך תיקון זאָגן. האָבן די גבאים אַרייַנגעשיקט עטלעכע בחורים פון רבס תלמידים, אָנפרעגן וועגן דער סיבה פון רבס נישט קומען.

ס'זענען אַריבער אַ פּאָר מינוטן, ווי די בחורים־שליחים זענען געקומען צולויפן, בלייכער ווי די וואַנט, מיט אַ סאַפּען קוים אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

— אַן אומגליק עפּעס געשען! בכן נאַטשאַלסטוואָ, דער בורמישטש און פּאָליציי זענען ביים רב. זיי האָבן געשיקט רופן אויך די דאָזאָרעס; צום רב לאָזט מען קיינעם נישט צו.

באַלד איז געוואָרן אַ קאָכעניש, אַ בהלה, מ'נעמט זיך אונ־טערהערן הינטערן רבס פענצטער און דאָך ווייסט קיינער נישט צו דערציילן וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך דאָ. נישט לאַנג האט געדויערט, ווי צו אַלעמענס שרעק האט מען דערזען ווי פּאָליציי פירט אַוועק דעם רב מיט די דאָזאָרעס אינמיטן דער נאַכט, וווּ־הין און פאַרוואָס ווייסט קיינער נישט, ווייל קיינער פון נאַ־טשעלסטוואָ וויל גאָרנישט ענטפערן אויף די פראַגן וואָס מ'שטעלט זיי.

— קינדערלעך! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — האָט דער רבי אויסגעשריגן מיט אַ ציטערדיק קול און מיט אַן איכה־ניגון,

ווי אַט, אַט איז דאָס אומגליק אָקאָרשט איצט געשען — קינ־דערלעך, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין, פון גאַנצן יום־טוב שבועות, איז געוואָרן, נישט היינט געדאַכט, אַ תשעה־באב. די שבועות־נאַכט איז געווען אַ וואָך־נאַכט, ס'האָט קיינער פון דער יידישער באַפעלקערונג קיין אויג נישט צוגעמאַכט. פאַרשידענע השערות זענען געוואָרן אַרויסגעזאָגט, דעם אמת אָבער האט קיין איינציקער נישט געוווּסט.

צומאָרגנס נאָכמיטאָק ערשט איז מען נאָך גרויס מי און מאַטערניש, נאָכן אַרומלויפן און אָנקלאַפּן אין די „הויכע פענצטער" געוואָר געוואָרן, אַז דער אַרעסט באַשטייט פון דעם, וואָס נאַ־טשעלסטוואָ פאַרלאַנגט פון די אַרעסטירטע, זיי זאָלן אויסגעבן די אָנפאַלער אויפן אַלטן קלויסטער, בכן אַ נאַכט פריער איז געמאַכט געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע מענטשן אַן אָנפאַל אויפן קלויסטער און איינעם פון די אָנפאַלער, וואָס האט זיך באַטיי־ליקט אין דער שרעקלעכער זאַך, אַ יידישן בחור פאַרקליידט אַלס גלח איז געלונגען צו כאַפּן.

די באַשולדיקונג ווערט אַרויפגעלייגט אויף דער גאַנצער יודישער קהילה מיטן רב אין די דאָזאָרעס בראש און, אַז פון דעם הויכן מקום, פון גובערנאַטאָר איז דער באַפעל געקומען, אַזוי לאַנג צו האַלטן די אַרעסטירטע אין תפיסה ביז זיי וועלן אויסגעבן די מיטבאַשולדיקטע אין דעם אָנפאַל און דעם גאַנצן פּלאַן צו דעם.

אין אונדזער שטעטל איז געוואָרן אַן עת־צרה וואָס איז נאָך נישט געשען זייט זקנים געדענקען. מאָלט אייך, קינדערלעך— האט דער רבי געדרייט מיטן גראָבן פינגער, ווי ביים אויספירן אַ פשטל בשעת לערנען דעם „שיעור" — מאָלט אייך, אַז די שתדלנים, וועלכע זענען זיך שטענדיק ביי יעדער עת־צרה שלא תבא, ביי יידן משתדל פאַר די אומגליקלעכע ביי די גרויסע שררים און הויכע נאַטשעלסטוואָ זיצן איצט אַליין אין תפיסה, טאָ ווער־זשע זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין? ווער זאָל גיין צו נאַטשעלסטוואָ און ווער איז דאָ, וואָס קאָן אַ וואָרט רעדן אַ חוץ זיי. די וואָס זיצן איצט אין געפענגניש?

ערשט אויפן דריטן טאָג האָט גאָט באַוויזן א נס, מ׳האָט זיי אַלע דריי אָן שום באַמיונג פון וועלכן נישט איז צד אַרויסגעלאָזט פריי, אָן אַ וואָרט, אָן שום דערקלערונג, פאַר וואָס און פאַר ווען.

וועגן ר׳ לייזערס אומגליק האָבן מיר אינגאַנצן שוין גע־האַט פאַרגעסן. ווייל די באַפרייונג פון די פלוצים אַרעסטירטע, וואָס איז געיוען פונקט אַזוי אומפאַרהאָפט ווי זייער אַרעשט, האט באַשעפטיקט די מוחות פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקע־רונג און די סיבה פון זייער פרייווערן, האָט נישט דער רב און נישט די דאָזאָרעס געוווּסט, גראָד ווי ווי האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן חשד פון אָנפאַל אויפן קלויסטער. טראָצדעם איז די שמחה ביי אַלעמען געווען אומבאַשרייבלעך, בעת צו קריאת־התורה האָבן אַלע פיר פרייגעוואָרענע גומל געבענטשט.

נישט לאַנג אָבער האָט אונדזער שמחה אָנגעהאַלטן; גאָטס צאָרן האָט זיך טאָפּלט אויף אונדז אויסגעגאָסן.

אַכט טעג נאָך זייער באַפרייונג פון תפיסה אין אַ זונטאָק איז דאָס געווען, האָבן מיטאַמאָל אַלע גלאָקן פון אַלטן קלויסטער אָנגעהויבן צו קלינגען. אונדז יידן איז באַפאַלן אַן אימה. פריער שוין האָבן באַקאַנטע גויים בסוד דערציילט זייערע יידישע שכנים, אַז דעם זונטאָק וועט עפּעס געשען, וואָס וועט זיין אַן איבע־ראַשונג פאַר די יידן. וואָס — האָבן זיי נישט געזאָגט.

כך הוה. געווען איז עס טאַקע אַ טרויעריקע, זייער אַ טרויעריקע איבעראַשונג.

אינם זעלבן טאָג, אין זונטאָק, איז ר׳ לייזערס טאָכטער געפירט געוואָרן צום שמד, נישט בלויז זי, נאָר נאָך עמיץ האָט זיך מיט איר אָפּגעשמדט און דאָס איז געווען, — הערט קינדער און באַוואונדערט דאָס,—נישט קיין אנדערער ווי דער כלי־זמר־יונג „טראמפּייט״. וויאַזוי און פאַרוואָס דאָס איז געווען האָט קיין מוח נישט געקאָנט דערקלערן און דערגיין. דאָס וואָס מ׳האָט זיך יאָ דערוווּסט, איז געווען אָט וואָס: דער אַלטער ר׳ שמעיה כלי־זמר דער פאָטער פונם געשמדטן יונג האָט וויינענדיק דערציילט, אַז זיין זונדל „טראָמפּייט״ איז שוין זייט צוויי טעג אַוועק פון דער

היים, נאָר א טאָג פאַר זיין פאַרשווינדן ווערן, האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, זאָגנדיק: „איך וועל מיך שוין אָן זיי נוקם ונוטר זיין", אָן וועמען און וואָס זיך נוקם זיין, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען, מחמת אינדערהיים ביי זיינע עלטערן איז ער געוואָרן גוט און ליבלעך באַהאַנדלט, געווען דעם פאָטערס שוואַרצאַפּל פון אויג, ביי דער מוטער—דער געליבסטער זון.

דער אַלטיטשקער שמעיה האָט געקלאָגט און געוויינט נאָך זון ווי נאָך אַ טויטן, דען דער יונג איז ביי אים געווען דער גאַנצער פּרנסה-געבער, אָן „טראָמפּייטן" איז ער אויס מוזיקאַנט, אַ צעבראָכענער שאַרבן און האָט נישט מער וואָס צו לעבן, דען אָן טראָמפּייטן קאָן ער מער נישט אָננעמען צו שפּילן אויף חתונות. אים בלייבט מער נישט איבער ווי צו שטאַרבן פאַר הונגער און איצט ווו איז די חרפּה? כאָטש אַ כּלי-זמר, דאָך איז ביי אים דאָ אַ יידיש האַרץ און אַ יידישע נשמה.

אינם זעלבן זונטאָק פון זייער שמדן זיך האָט דאָס געשמדטע פּאָרל חתונה געהאַט. ווער איז אַלץ נישט געווען אויף זייער שלוב? אַלע גלחים פון קלויסטער, די אָרומיקע שררים, רייכע אָביוואַטעלעס, דער אַפּטייקער און דער דאָקטאָר, אַלע מיט זייערע ווייבער און אינם גרעסטן שטאָט. געווען איז עס שוין איינמאָל אַ חתונה. באַשענקט איז דאָס געשמדטע פּאָרל געוואָרן מיט טייערע מתּנות, וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט.

ביי זיי, ביי די גויים, איז געווען אַ גרויסע שמחה און ביי אונדז יידן א גרויסער טרויער. אַ קלייניקייט עפּעס, אין אַזאַ פרום מקום ווי אונדזער שטעטל איז, זאָל דאָס קאָנען פּאַסירן?

פון דער צייט אָן, האָט מען דאָס געשמדטע פּאָרל קוים איינמאָל געזען צוזאַמען אין דער שטאָט... געגאַנגען זענען זיי מיט אַ וויזיט צום שטאָטישן גלח, פון דעמאָלט אָן האָט זיי קיינער מער נישט געזען.

אין אַ צייט שפּעטער, האָבן די גויים אין שטאָט אָנגעהויבן זיך סודלען, דאָן שוין אָפן פאַר אַלעם אויסגעזאָגט, אַז דאָס פּאָרל איז פאַרשווונדן, און ווי אין תהום אַריין, קיינער

ווייסט נישט וווהין. געווען אויך אַנדערע וואָס זאָלן זיי האָבן געזען אין א פאַרטאָגס אוועקפאָרן מיט א פורל הינטער דער שטאָט. יידן האָבן געגלייבט, אַז דער גלח זאָל זיי האָבן ערגעץ אַוועקגעשיקט, ווייט פון דאַנען, מורא האָבנדיק פאַר די יידן אין דער אייגענער שטאָט זיי זאָלן נישט אַמאָל די משומדים באַפאַלן. בקיצור — אַוועק און נישטאָ מער.

דער אַלטער ר׳ לייזער, איז נאָך דער געשיכטע, כ׳מיין נאָכן שמדן זיך פון זיין טאָכטער, לא-עלינו משוגע געוואָרן. נישט געוואָלט עסן, נישט טועם זיין וואָס א האָר איז ווערט. געשלאָפן אין בית-המדרש אויף דער הארטער באַנק; פון זיין היים אין דאָרף איז געוואָרן אש און שטויב. אַרומגעגאַנגען איז ער קריעה-בלואה, צו קיינעם נישט גערעדט און געשטאָרבן אין בית-המדרש ווו מ׳האָט אים געפונען א טויטן וואַלגערן זיך אין א קאָסטן שמות הינטערן בעלעמער, נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיינעם, וואָס זאָל נאָכגיין נאָך זיין לויה, אָדער זיצן נאָך אים שבעה...

מער ווי א יאָר איז שוין אַריבער, מענטשן האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעם געשמדטן פאָרל. שמעיה דער כלי-זמר האָט נאָך אַלץ געקלאָגט אויף זיין געשמדטן „טראָמפּייט", געוואָרן לא-עלינו א ביטערער אביון, נישט געהאַט א טאָג איבערצולעבן. אין שטעטל ווידער לעבט זיך ווי געהעריק.

ויהי היום, מיטאַמאָל באַקומט שמעיה דער כלי-זמר מיט דער פּאָסט א גרויסן בריוו. דאָס איז געווען אַן אויסלענדישער בריוו, דרינען זענען געלעגן געדרוקטע פּאַפּירן. אַליין נישט זייענדיק באַהאַוונט אין שפּראַכן, איז ער געלאָפן צום שטאָט-קענער צו מאָטעלע דעם לערער, ער זאָל אים פאַרטייטשן וואָס דאָרטן איז אָפּגעדרוקט. לייענט אים מאָטעלע דער לערער די פּאַפּירן און דאָס זענען געווען פיר אַזעלכע שיפסקאַרטן שוין באַצאָלטע צו קומען אויף זיי קיין אַמעריקע.

דער אַלטער שמעיה נעמט זיך ברעכן דעם קאָפּ נעבעך: ווער דאָרטן אין אַמעריקע קאָן פאַר אים האָבן אַרויסגעשיקט

פרייע שיפקאַרטן? ער ווייסט ברי־לי, אַז ער האָט קיינעם נישט „דאָרט". איבעריקנס, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט, — פעלן מסתמא נישט אין אַמעריקע אַזעלכע גוטע מוזיקאַנטן ווי ער איז, נישט אַנדערש, ווי ס׳האָט זיך עמיצן פאַרגלוסט פון אים אָפּצוחוזקן, ס׳גלייבט זיך אים נישט אַז מיט די שיפקאַרטן מיינט מען אים. און אפשר איז דאָ גאָר אַ טעות.

לאַנג האָט אָבער נישט געדויערט; עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען פון די פיר שיפקאַרטן, מיט וועלכע דער אַלטער שמעיה האָט נישט געוווּסט, וואָס צו מאַכן און זיי טאַקע אריינגעלייגט אין אַ קאָמאָדע־שופלאָד צווישן אַנדערע מינדערוווערטיקע פּאַפּירן, איז אָנגעקומען פון אַמעריקע צו אים אַ בריוו און טרעפט פון וועמען? קינדערלעך, איר וועט נישט גלייבן.

דער רבי האָט פאַר פרייד זיך אַזש די הענט געריבן און געמאַכט אַ קליינע פּויזע, כדי אונדזער נייגעריקייט צו פאַרשאַרפן און, בשעת דער פּויזע אונדז אַרויסרופנדיק מיט זיין בליק, ווי אַ שטייגער ער וואָלט געזאָגט:

— נו, אדרבא טרעפט! פון וועמען האָט דאָס געקאָנט זיין דער בריוו?

מיר האָבן דעם רבין אָנגעקוקט מיט אָפענע מיילער און פאַרגאַפטע אויגן, געוואָלט שוין הערן דעם סוף. דער רבי זעענדיק, אַז קיינער פון אונדז טרעפט נישט און ווי מיר וואַרטן אַלע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף זיין ווייטערדיקע דערציילונג, האָט פריילעך אָפּגעאָטעמט און געזאָגט.

— דעם בריוו האָט צו אים געשריבן נישט קיין אַנדערער ווי זיין זון „טראָמפּייט" און, הערט קינדערלעך נפלאות־הבורא, ממש הפלא־ופלא. הערט, וואָס ער האָט אים געשריבן:

זייט דער צייט, וואָס ר׳ לייזער האָט אים אָפּגעזאָגט און נישט געוואָלט צו נעמען אַנדערע מוזיקאַנטן, האָט ער „טראָמפּייט", געזוכט, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אָן ר׳ לייזערן; און דוקא יאָ צו באַקומען זיין טאָכטער פאַר אַ כּלה. כאָטש ר׳ לייזער האָט אים דאָס דאָרף פאַרוויזן, האָט ער דאָך זיך מיט זיין טאָכטער אָפּט געזען, און אין געהיים, לויט אָפּגערעדטע

ערטער און צייט זיך געטראָפן. צווישן זיך האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז זי, ר' לייזערס טאכטער זאָל זיך בכיון פארליבן אין אַ שייגעץ, כדי דער פאטער אירער זאָל שוין זיין צופרידן אים צונעמען בעס״ר פאַר אַן איידעם. אַז דאָס איז אַזוי ווייט דער־גאנגען אַזש ביזן שמדן זיך, דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַן אָנשטעל, כדי ער, „טראָמפּייט" זאָל זי דאן ראטעווען פון שמד, וועט ר' לייזער במילא שוין נישט קאָנען אויסנעמען אַ פּאַסיקן שידוך מיט דער טאָכטער אַזויווי ער וויל, וועט זי במילא בלייבן זיין כלה, אפילו מיטן הסכם פון איר פאָטער.

געבליבן איז אים נאָר דער איינער וועג, אַריינצוגנבענען זיך אין געהיים אין קלויסטער, פון דאָרטן זי אַרויסצופירן. איז דאָך דאָס עפּעס פארבונדן מיט גרויס סכנה, מיט שוועריקייטן און מסירת־הנפש; האָט זיך אונדזער „טראָמפּייט" פארשאפט גלחישע קליידער, איז אין א טונקעלע שעה לייכט אַריינגעגאַנגען אין קלויסטער אַריין.

זענען אָבער די קאָריטאַרזשן אין קלויסטער קרומע און געדרייטע, האָט ער נישט געוווסט וווּ ער גייט און אַזוי אַ צייט ארומגעבלאָנדזשעט אין די קאָרידאָרן ביז, ביז מ'האָט אים דערטאַפּט.

דערטאפט א ייד אין גלחשע קליידער, איז מסתמא דאָס אַ געפלאַנטער אָנפאַל דורך יודן — האָבן געפּסקנט די גייסט־לעכע אין קלויסטער – כדי אָפּצוראַטעווען אַ יודישר טאכטער פון שמד. און אַ דאַנק דעם חשד אַרעסטירט שבועות ביינאכט דעם רב מיט די דאָזערעס, פון וואָס „טראָמפּייט" האָט זיך אין קלויסטער באלד דערוווּסט און פאַרשטאנען מיט וואָס דאָס שמעקט און ווי טרויעריק דאָס קאָן זיך ענדיקן, האָט ער זיי דאָרט איינגערעדט. אַז פון זיין קומען ווייסט אַ חוץ ער אליין קיינער נישט, זיין ציל מיטן אריינבאַקומען זיך אין קלויסטער איז, כדי צו שמדן זיך און מורא האָבנדיק, אַז די יידן זאָלן אים נישט באַמערקן, האָט ער זיך דאָס אזוי פארקליידט אין גלחשע בגדים. דאָס טאקע איז געווען די סיבה ווידער פון דער געשוויגטער באפרייונג פון רב מיט די דאָזערעס: איי דאָס

שמדן זיך — שרייבט ער ווייטער אין זיין בריוו צום פאָטער — איז דאָך נאָר געווען א מיטל וויאַזוי צו באפרייען אַ יודישע טאָכטער און זיך; בפרט די גאַנצע יידישע קהילה פון שטעטל מיטן רב און דאַזערעס בראש, כדי שפעטער צו קאָנען מאכן דעם ריכטיקן „ויברח"...

אַזוי איז טאַקע געשען, פאר דעם געלט פון די רייכע מתנות, וואָס זיי האָבן באקומען, האָבן זיי געהאַט די מעגלעכ־קייט צו קומען קיין אַמעריקע.

אהינקומענדיק אין דעם נייען לאַנד — שרייבט ער ווייטער אין זיין בריוו — איז ער אריינגעטרעטן אין אַ היימי־שער יודישער קאַפּעלע מוזיקאַנטן, פאַרדינט דאָרט גישט שלעכט, און אין קורצן האָט ער חתונה מיט ר' לייזערס טאָכטער, געמט ביי אַ דאָרטיקן רב חופה־וקדושין, כדת משה וישראל. איצט, נאָך אַ יאָר דאָרטן זיין, פירט ער אַליין שוין אָן מיט אַ קאַפּעלע און ס'גייט אים זייער גוט.

למען השם — בעט ער זיך אין דעם בריוו — חען איר ווילט גליקלעך לעבן און טאַקע ביי אייער זון און ביי אייער שנור, וואָס איז אָן ערלעך פרום יודיש ווייבל, קומט באַלד צו פאָרן. די פיר שיפקאַרטן זענען פאַר דעם פאָטער, פאַר די מוטער און ביידע ברידער.

געלט אויף הוצאות האָט ער זיי צוגעשיקט גענוג און גענוג.

דער אַלטער שמעיה איז געוואָרן אויפגעריכט. אַ צופרי־דענער און אַ גליקלעכער איז ער מיט זיין הויזגעזונט טאַקע באַלד אָפּגעפאָרן קיין אמעריקע.

דער רבי האָט געענדיקט זיין דערציילן. אויפן שטערן ביי אים האָבן געגלאַנצט קליינע שוויס טראָפּן. מיד איז ער געווען, אָבער די אויגן זיינע האָבן געגלאַנצט פאַר שמחה, גראָד ווי אָט ערשט איצט האָט דאָס פּאַסירט און ער, דער רבי האָט דער ערשטער די בשורה געבר־ענגט, אַז דאָס גע־שמדטע פאָרל איז ווייטער פאַרבליבן ביים יודישקייט.

מיר חדר־יונגלעך, האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט און פאַר

שמחה, וואָס „טראָמפּייטן" איז געלונגען אויסצופירן, זיך און זיין כלה צו ראטעווען, האָבן מיר מיט די הענט געפּאַטשט „בראוואָ".

געטראכט האָב איך מיר דעמאָלט, ווען איך וואָלט באַגעגנט „טראָמפּייטן", וואָלט איך אים אודאי פאר זיין העלדישקייט אויסגעקושט אלע גלידערלעך...

ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן אראָפּצולאָזן צו מערבֿ־זייט, די שאָטנס פון די ביימער זענען געוואָרן לענגער, דאָס גרינס טונקעלער, האָבן מיר אלע ארויסגעשלייכט זיך פון צווישן די געדיכטע צווייגן אין וואַלד, צום אָפענעם פלאץ, וואָס פירט אין שטאָט אריין.

פארבייגייענדיק נישט ווייט פון אלטן קלויסטער, זענען גראָד פון טויער מיט די גראָבע שווערע, אייזערנע טירן ארויסגעגאנגען א גלח און הינטער אים א נאָנע מיט א ברייטער שטייפער ווייסער הויב אויפן קאָפּ. פון א זייטיקן קופּאָל האָט א גלאָק ארויסגעשליידערט פון זיך ברומיקע טענער „בים, בים, באָם!" אָנגעזאָגט אויף מאָרגן א חגא. אונדזערע בליקן זענען געפאלן אויף דעם גלח מיט דער נאָנע און געדוכט האָט זיך מיר, אז אָט, אָט גייט דאָס פּאָרל „טראמפּייט" אין די פארקליידטע גלחשע בגדים מיט זיין ארויסגעגנבעטע כלה. זיי מאכן „ויברח" און דער גלאָק רופט זיי נאָך, הייסט זיי זיך אומקערן צוריק: „בים, בים, באָם! בים, בים, באָם!" — קומט צוריק! קומט צוריק! — זיי גייען זיך ווייטער און פארשטייען זיך לחלוטין נישט אויף די קולות...

# אָן א שאָטן

צוויי גאַנץ פאַרשידענע וועלטאַנשויונגען האָבן מיר געהאַט, איך און מיין פעטער חיים-יעקב, מיין מוטערס אַ ברודער. איך אַ פאַרטיי-מענטש אַן אידעאַליסט מיט אַ פולן בוזעם פראָבלעמען, אַ מיטינג-חבר, אַ דיסקוסיאָנס-מענטש; סאָציאַליזם, מאַרקסיזם, ציוניזם א. א. וו. ער, מיין פעטער, אַ ייד אין די זעכציקער, אַן אדוק אַ למדן, ארייַנגעטון אין קבלה, פאַרוויקלט תמיד אין אַ געוועב פון מיסטיק, ווייסט צו דערציילן ווי אַזוי דער אר״י הקדוש האָט אָפּגעריכט פסח דעם סדר על-פּי-הקבלה, ער האָט הנאה זיך צו פאַרטיפן איבערן „זוהר״, טראָץ דעם אַלעם האָט ער מיך דאָך אינטערעסירט און, כ׳האָב ליב געהאַט צו האָבן מיט אים וכּוחים. ער איז נישט געווען קיין קנאי, האָט טאָלערירט יעדנס מיינונג, ווי פריי זי זאָל נישט זיין.

צו יעדן נייס, צו יעדער אידיי וואָס ער האָט פון מיר געהערט, האָט ער געהאַט צוצוגעבן אַ רמז על-פּי-הקבלה און דערביי באַמערקט:

— נאָר אַ שטיקל אמונה פעלט אייך צו דעם אַלעם, אַלץ איז מרומז געוואָרן אין אונדזערע הייליקע ספרים, וואָס קומט דערפון ארויס, אַז אָן אמונה איז עס גאַרנישט.

דאָס מאָל בין איך געגאַנגען צו מיין פעטער אים מבקר-חולה-זיין.

דריי וואָכן שוין, זייט הושענא-רבה ווי ער ליגט קראַנק

אונדזער באקאנטער דאָקטאר אין שטעטל מיינט, אַז דאָס איז אַן איינגערעדטע קרענק.

באַגעגנענדיק פון קראַנקן פעטערס שטוב אַרויסגיין אייניקע באַקאַנטע בעלי־בתּים, וועלכע זענען געווען אים מבקר־חולה־זיין. פאַרנומען פון זיי, אַז דער פעטער איז שוואַך, בין איך אַריין צוערשט אין קיך, דאָרט געוואָר ווערן, אויב מיין באַזוך וועט דעם קראַנקן נישט באַלעסטיקן, חלילה. די מומע מיינע, חנה־ברײַנדל, דעם פעטערס ווייב, האָט מיר אויף מיין פראַגע, וואָס דער פעטער מאַכט און וואָס אים פעלט? — געענטפערט, פאַרגלאָצנדיק אירע קלוגע אויגן צום הימל, איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַ נישט דערשלאָפנקייט, מיד און טרויעריק;

— גאָט ברוך־הוא זאָל העלפן! אַז מ׳וויל איז עס גאָר־נישט, אַז ער אָבער (מיט דעם וואָרט „ער״ האָט זי געמיינט דעם פעטער) רעדט זיך איין, איז עס אַ — —

דערקענט מיין שטים פון צווייטן חדר, האָט דער פעטער גערופן מיט אַ שוואַכן קול ווי ביי אַ קראַנק קינד, אַז איך זאָל אַריינקומען.

איך האָב אים ממש נישט דערקענט, אין משך פון די דריי וואָכן וואָס איך האָב אים נישט געזען, האָט ער זיך אַזאַ רוק געגעבן, פשוט נישט דער זעלבער. דאָס פּנים, די הענט זענען געל ווי וואַקס, איינגעשרומפּן ווי אַלטער פּאַרמעט, די שטענדיקע ברייט־געעפנטע גוטע אויגן ביי אים מיטן ליבלעכן פריינטלעכן בליק, זענען איצט מאַט, אָן לעבן און ליגן טיף אין די לעכער מיט אונטערגעבעטע שוואַרץ־גראָע רענדער און האַלב געשלאָסענע קוקן זיי אויף מיר ווי דורך אַ שפּאַרע. אויפן טישל ביים בעט אין וועלכן ער ליגט, שטייען עטלעכע פלעשלעך מיט מעדיצין, פון וועלכע אַ טייל זענען שוין האַלב ליידיק, אַנדערע ערשט אַנגעהויבענע. אויף דער דעק, פון זיין בעט ליגט דער „זוהר״ און נאָך עטלעכע ספרים, יעדעס מיט אַ פאַרקנייטשט בלעטל.

ער ווייזט מיר אָן מיט זיין דאַרער האַנט, איך זאָל מיך זעצן. איך פאָלג שווייגנדיק.

דרויסן אויפן גאס שפילט אונטער דער פייפנדיקער ווינט מיטן דראָבנעם רעגנדל. די טראָפּן פֿאַלן אין די פענצטערשויבן מיט אַ געקלאַפעריי, ווי ארבעסן וואָלטן זיך געשיט, דאס ווייען פון ווינט דרויסן וואָס שטויסט זיך דורך צווישן די הייזלעך און ביימער, הערט זיך אין שטוב ווי אַ געעגבער פון עפּעס אַ ווילדער חיה וואָס וויל זיך אריינרייסן. פון קאָמין אַקאָמפּאַנירט אים אַ דין קולעכל ווי אַ פּישטשאַלקע צום טאַקט, וואס זאגט אָן שרעקעדיקע סודות.

אין שטיב ווו דער קראַנקער ליגט, איז שוין דער אויוון געהייצט. אַ ווינטערדיקע שטימונג פילט זיך אין אַלעם און, אויפן הארצן איז קאַלעמוטנע.

די מומע איז אַריינגעקומען, זיך געזעצט אויפן שטול נאָענט צוקאָפּנס ביים קראַנקן פעטער. איך בין געזעסן אַקעגנאיבער אים.

אַ שטילקייט, א אומעט האָט אָנגעפולט די לופט אין שטוב. איך מיט דער מומען האָבן מיר גאָרנישט גערעדט צווישן זיך, כדי נישט צו שטערן דעם קראַנקנס רו, וואָס איז אים נאָך בייטיקער געוועזן ווי די מעדעצינען. ס'איז געווינשן געווען, ער זאָל שלאפן, מחמת ביי נאכט שלאָפט ער קנאַפּ אָדער גאָרנישט, ווי די מומע האָט מיר איבערגעגעבן ביי מיין אריינקומען אין קוך.

אויס לאַנגווייליקייט האָב איך גענומען פאַמעלעך בלעטערן אַ דערביילעגנדיק ספרל. געווען, דאַכט זיך, אַ קבלה-ענין פון ר׳ חיים וויטאַל. דער פעטער האָט דאָס צפנים באַמערקט, מיך מיט זיינע קראַנקע, געלע האַלב-געעפנטע אויגן אָנגעקוקט, דאַן מיט דער האַנט אַ צייכן געגעבן, אַז איך זאָל מיך נענטער צו אים צווועצן; איך האָב אים גלייך געפאָלגט. מיך נענטער צוגערוקט און מיין קאָפּ צו אים צוגעבויגן; מיט זיין קאַלטער האַנט האָט ער מיין האַנט אָנגענומען, עטלעכע סעקונדן געשוויגן, געטראַכט אוודאי וואָס מיר צו זאָגן, מיך דאַן ווידער מיט זיינע האַלב-אויסגעלאָשענע אויגן אָנגעקוקט, זיי ווידער האַלב פאַרמאַכט און מיט אַ קראַנקער שוואַכער שטים, קוים ארויסגערעדט:

— איך ווייס, אַז דו ביזט אַ קנאַפּגלייביקער. יאָ, יאָ, דאָך

הער, וואָס אין וויל דיר זאָגן, דו האָסט אין דיר אַ שטיקל „ניצוץ" פון אַ מאַמין, ס'טליעט אין דיר אַ קאַפּקעלע אמונה, מער ווי אין דיינע חברים, דו ווייסט מיך פאַרשטיין.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, מיד, שטיל און שוואַך געאָטעמט. די ברוסט האָט זיך קוים באַוועגן. די געלע טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן זיך נאָך טיפער איינגעגראָבן אין זיך. די אויגן זענען איצט געווען אינגאַנצן געשלאָסן, די אונטערשטע ליפּ מיט אַ בלייעלעכער בלאַסער פאַרב האָט אַ ציטער געטון, נאָך וועלכן די ברייט גראָע פאַטריאַרכאַלישע באָרד, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט גלאַט גראָד אויף דער ווייסער דעק האָט זיך מיטבאַוועגט.

— יאָ, דו קאָנסט מיך פאַרשטיין — האָט ער זיך אנגעשטרענגט ווייטער צו רעדן — זיי ווייסן, אַז מ'האָט מיר „אָנגעזאָגט" פון אויבן...

די מומע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרשלייפט די פינגער אויפן ברוסט. מיר אַ טרויעריקן בליק צוגעוואָרפן, וואָס זאָגט: „נאַ דיר! דאָס אט איז דאָס גאַנצע אומגליק..."

— יאָ, יאָ, דאָס איז עס — האָט דער פעטער ווייטער מיט אַ טרויעריק קול געוערעדט, און דערביי די אויגן צוגעהאַלטן — פון אויבן האָט מען מיר אָנגעזאָגט, צייט, זיך מכין צו זיין אויפן וועג...

מיד פון רעדן, האָט ער די האַנט געלאָזט שווער אַראָפּפאַלן אויף דער דעק.

איך האָב אנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט מיטן וואָרט „אָנגעזאָגט", „זיך מכין צו זיין" און זיך ווענדנדיק צו אים, געפּרווט אים טרייסטן, אויסרעדן:

— שוין געזען, פעטער, שווערערע קראַנקהייטן פון וועלכע מענטשן זענען געהיילט געוואָרן.

און איבערגייענדיק אין פרומען טאָן, צוגעגעבן:

— אונדזערע חכמים ז"ל זאָגן דאָך: „אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם על ימנע עצמו מרחמים — ווען אפילו

די בלאנקע שווערט ליגט שוין דיר אויפן האלדז, דארפסטו נישט אויפהערן צו האפן אויף גאטס דערבארמונג".

און נאך ענלעכע מאמרים גענומענע פון פרומע ספרים, וואס זענען מיר גראד אויפן געדאנק געקומען.

דעם פעטערס ווייס-בלויע ליפן מיט די פארטרוקנטע שארפ-לעך, האבן זיך פאדזויגן אין א איראנישן שמייכל.

ער האט געעפנט די אויגן, מיך טיף און ערנסט אנגעקוקט און מיט א פרומע מינע, מיט כוונה געזאגט:

— אנגעזאגט פון הימל, איז עס, הייסט דאס, דער רצון פון הימל...

שוואך און קרענקלעך-מיד, האט ער ווידער צוגעמאכט די אויגן זיינע. א קליינע שמאלע שפארע האט געוויזן ווי די שווארצאפלען האבן זיך פארצויגן צו די ווינקלען פון דער נאז צו. אזוי, אז בלויז די ווייסלען פון אויג זענען פארוואנדלט גע-ווארן אין א געלבן קאליר.

שטיל און שוואך האט ער געאטעמט, די אונטערשטע ליפ האט אפט א ציטער געטון, דאס אויגן-ווייסל אנטפלעקט, — קוים ווי א שמאל טאשמעלע. דאס פנים כמעט—טויט.

די מומע האט מיר א צייכן געגעבן ארויסצוגיין שטיל נאך איר, האט זי מיר איינגערוימט:

— ער שלאפט אוודאי, גלייכער אזוי, לאמיר אים נישט שטערן.

מיר זענען ביידע אריין אין קוך.

— וואס זאגסטו צו דעם אומגליק? — האט די מומע אנ-געהויבן מים א דערשטיקט קול פון געוויין צו דערציילן; טרערן האבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן. — א מענטש געזונט און פריש, האט זיך גענומען צום הארצן, אז מ'האט אים פון הימל אנגעזאגט, א ביטער אומגליק אויף שונאימס קעפ.

הושענא-רבה ביינאכט האב איך מיך ביי אים געבעטן — א קיל וועטער געווען, אליין שוין פון פריער אביסל צוגעקילט געווען. — בלייב אינדערהיים, זאג איך צו אים, גיי דאסמאל נישט זאגן „תיקון" אין בית-המדרש, ס'שטערט דיר דאך קיינער

נישט אינדערהיים צו זאָגן, קיין קינד, קיין רינד... ניין, אָבער,— זאָגט ער, אינדערהיים פעלן אים די אַלע ספרים, וואָס ער ברויכט אויפן היינטיקן אָוונט. איז נעבעך א חורבן געשען, דאָ הייבט זיך אָן דאָס אומגליק:

אַהיימגייענדיק פון בית־המדרש, שוין נאָך „תיקון"־זאָגן, געווען שוין צוועלף, ווי ער דערציילט און אַהיימגעקומען איז ער, מ'שטיינס געזאָגט, געקומען זאָג איך, אַהיימגעבראַכט האָט מען אים צופירן שוין קרוב אינדערפרי. יאָ באַגינען שוין געווען, האַלב טויט איז ער געווען, זאָג איך דיר, נישט געהאַט קיין בראָנק צורה פון אַ לעבעדיקן, איך האָב אים קוים, קוים דער־מונטערט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — פרעג איך אים און, אַלץ אין מיר איז אַזש ווי אָפּגעשטאָרבן פאַר ווייטאָק און שרעק. קוים צו זיך געקומען, זענען זיינע ערשטע ווערטער ווי אַ טרויעריקע בשורה:

— מ'האָט מיר אָנגעזאָגט פון הימל.

איך קוק אים אָן אַ דערשראָקענע, אַ פאַרוויסטע.

— וואָס הייסט? ! ס'טייטש, וואָס פעלט דיר איין עפּעס באַרישקייטען! אָנגעזאָגט, אָנגעזאָגט?

— ניין — ענטפערט ער מיר — נישט באַר'שקייטן! אָנגעזאָגט האט מען מיר דורך אַ רמז. זיי וויסן מיין ווייב, אַז היינט איז מיין לעצטער הושענא־רבה. מסתמא איז אַזוי דער רצון פון אייבערשטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט פּשוט דאָך אַ ייד א למדן, א תלמיד־חכם, קיין נאַר איז דער פעטער נישט, שיכּור — אוודאי נישט, ווייל א חוץ אַביסל צמוקים־וויין צו קידוש און הבדלה, טרינקט ער קיינמאָל נישט.

איך האָב אים גענומען אויסרעדן, געזאָגט אים:

— גיי שוין, גיי. מן־הסתם האט זיך דיר עפּעס בייז גע־חלומט, פּוסטע וויסטע חלומות. אָדער געזען עפּעס און זיך דער־שראָקן, דאָס קאָן דאָך יעדן איינעם פון אונדז פּאַסירן, ווען מ'נעמט זיך נישט צום האַרצן, איז ס'עס גאָרנישט.

ער אָבער האָט זיך געלייגט אין בעט אריין. איך האָב אים אויף געשווינט געמאַכט הייסן טיי, ארומגעלייגט וואַרעמע שטאַרצן, מחמת ער האט זיך געטרייסלט ווי א פיש פאַר קעלט, אָדער פאַר שרעק, ווער קאָן וויסן. ווען ער האט זיך אַביסל דערוואַרעמט און געקומען צו זיך, האט ער מיר ערשט דערציילט, וואס אים האט פּאַסירט, נעבעך.

די מומע האָט פאַרבראָכן די הענט, ביטערלעך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיך צעוויינט:

— אוי, אוי צו דער צרה ווער האָט זיך געזאָלט אויף דעם ריכטן?

— געזאָגט האָט ער מיר, אז פון די הייליקע ספרים איז געדרונגען, אַזוי שטייט עס דאָרט אָנגעשריבן. ווייס איך, איך בין דאָך נאָר אַ יודענע. אַהיימגייענדיק דורכן שול-געסל,—דערציילט ער, די לבנה האָט גראָד געשיינט העל, ער גיט אַ קוק, אַ חורבן א אומגליק, ער זעט נישט זיין אייגענעם שאָטן.

די מומע האָט ביטער געקרעכצט, ציגעפּ־רעסט די אויגן, פון וועלכע טרערן-טראָפּן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט.

— דאס איז אַ סימן,—זאָגט זי ווייטער — פון מיין צדיקדיקן טאַטן, עליו־השלום, אים צו לענגערע יאָר, האָב איך, שוין אַלס קינד זייענדיק געהערט זאָגן, אַ שלעכטער סימן, הושענא־רבה נישט צו זען דעם אייגענעם שאָטן פאַרן שיין פון דער לבנה. מילא, שטעל דיר פאָר, ווי דעם פעטער איז געוואָרן אויפן האַרצן! וויאַזוי ער האט נאָך געקאָנט און געהאַט כּוח, דער צעבראָכענער שאַ־בן ווייטער צו גיין, טאַקע גאַטס-ווונדער. די שרעק האט אים געטראָגן, זאָגט ער, ווי צומגיכסטן אַהיימצוקומען, ווען נישט דער שרעקלעכער און טרויעריקער צופאַל מיט אים ביים אַלטן קלויסטער.

די מומע האט געשלונגען דעם שלין, צוריקהאַלטנדיק זיך פון וויינען, געפּינטלט מיט די אויגן, אַרויסצוקוועטשן פון זיי די דאָרט פאַרלאָפענע טרערן.

איך הערנדיק דאָס וואָרט „אַלטער קלויסטער", דאָס כּשוף־וואָרט וואָס האט מיך שוין אַלס קינד זייענדיק, אַזוי פאַראינטע־

רעסירט און באַצויבערט. מיט די אַלטע מעשהלעך זײַנע, וואָס האָבן מיך פון אייביק אָן געלאָקט און געצויגן און, איצט שוין זייענדיק א יונגערמאַן, א צוואַנציקיאָריקער אפילו, האט עס אויף מיר געמאַכט א פאַרכישופטן איינדרוק,—האב אויסגעשטעלט נייגעריקע אויגן, אויסגעשפּיצט די אויערן און אָנשטרענגענדיק אלע מיינע חושים אויפמערקזאם זיך צוגעהערט.

פאַר מיר איז עס דאָסמאָל געווען א ווירקלעכע איבעראַשונג, אַ פאַסירונג אין דער צייט אין וועלכער איך לעב מיט.

אָנגעהערט זיך מיט מעשהלעך פון אַלטן קלויסטער האָב איך מיך, בנוגע מענטשן פון פאַרגאַנגענע צייטן. אין מיינע דעמאָלטיקע קינדישע פאַנטאַזיעס, האָבן זיך די מעשהלעך פאַנאַנדערגעוויקלט, פילפאַכיק זיך פאַרגרעסערט, פאַרהערלעכט. און איינגעוויקלט זיך אין א סודותדיקן מאַנטל און געגעבן מיר שטאָף שעהנלאַנג צו פאַנטאַזירן. די פאַרנעפּלטע און פאַרשלייערטע פיגורן, וועלכע איך האָב אין מיין קינדערישער פאָרשטעלונג געזען איין-און-אויסגיין אינם שטומען גיגאַנטישן פול־סודותדיקן געביי האָבן מיך באַהערשט און אין מיר אַריינגעגאָסן א קינדיש נאַיוון גלויבן, אַז אויף דעם פּלאַץ דאָרט ליגט באַגראָבן אַן אוצר מיט מיליאָנען סודות. די געוואַלטיקע ריזן-מויערן, צינקענע דעכער מיט קופּאָלן, זענען די שטאַרץ וואָס פאַרדעקט דאָס אַלץ, בלויז פון צייט צו צייט, אמאָל נישט-ווען, גנבעט זיך אַרויס א שטיקל סוד, פאַרקריכט זיך אין דער לופט און אין מענטשנס אויערן אַריין...

דער דרויסן האט אויסגעזען ווי אַ בין-השמשות. אַ גראָער טונקעלער הימל האט ווי געוויינט, און זיינע טרערן האָבן שטאַרק געפּויקט אין די פענצטער און אָנגעזאָגט אַן אומהיימלעכקייט עפּעס...

אַרום די ליפּן פון דער מומען האט עס געצוקט, די ווינקלען פון איר מויל האבן זיך פאַרצויגן אויף אַראָפּ, ווי עפּעס טרויעריקס צו אַנטדעקן, ווי זי וואָלט מורא האָבן, עס איבער די ליפּן צו ברענגען, מיט דער צונג האָט זי באַנעצט און פייכט געמאַכט די טרוקענע ליפּן, ווי זיי מכין צו זיין צו קאָנען אַרויסברענגען א נישט ליבלעכע נאָכדערציילונג.

יאָ. דאָס אמתע אומגליק האָט ערשט דאָרטן, ביים אַלטן קלויסטער פּאַסירט — האָט די מומע געגומען דערציילן. — יאָ דאָרטן ביים קלויסטער.

אַ שטראָף פון הימל אויסגעגאָסן, מילא זאָל עס טאַקע זיין צום גוטן.

דערציילט האָט עס מיר, דער פעטער, ערשט צו מאָרגנס נאָכן אומגליק, אַז נאָך דעם דערשרעקעניש אין שול-הויף, נישט פאַר אונדז געדאַכט, האָבן אים די פיס, ווי נישט אייגע-נע געטראָגן פאַרביי דעם אַלטן קלויסטער, דעם נאָענטסטן וועג אַהיימצו. גראָד נאָענט ביים מויער פונם קלויסטער, האָט פּלוצים, נישט זעענדיק פון ווו, פון ווען, אים אָפּגעשטעלט עפּעס אַ סילו-יעט אין פרויען-געשטאַלט, איינגעהילט אין שוואַרצן מיט אַ פּראַגע:

— זאָגט מיר ר׳ יוד, ווי שפּעט איז? אוודאי, שוין נאָך צוועלף?

פאַר שרעק האָט ער מער נישט געקאָנט ענטפערן ווי „יאָ״. דאָס געשטאַלט האט זיך פון אים אָפּגעווענדט און מיט אַ קרעכץ אָפּזיפצנדיק „אוי ווי איז מיר״ איז זי פאַרשוואונדן הינטערן קלויסטער.

קוים אַ לעבעדיקער, זיך שלעפּנדיק אויף די פיס, איז דער פעטער ווייטער געגאַנגען, ביזן צווייטן עק קלויסטער. שטעל דיר פאָר, מיין איינציקער, ווי שרעקלעך, ווי גרויזאַם ס׳איז געווען, אַז גאָר ווידער אַזאַ באַגעגעניש. אַזאַ פינצטער חושכדיק מזל. ווידער אַזאַ געשטאַלט איז אים אַקעגן געקומען פון דער זייט ביים פעלד, נאָר אַ ביסל אַ העכערע ווי די ערשטע. אים אָפּגעשטעלט מיט דער זעלבער פראַגע: „ר׳ יוד ווי שפּעט איז? אוודאי שוין צוועלף?״ וואָס ער האָט געענטפערט ווייסט ער אַליין נישט, בלי-ספק, מסתמא אויך „יאָ״, ווייל אויך פון דעם געשטאַלט האָט ער געהערט קרעכצן און קלאָגנדיק: „אוי ווי מיר, פאַרלוירן, פאַרלוירן!״

וואָס מיט דעם פעטער איז ווייטער געשען, ווייסט ער אַליין נישט, ווער די צוויי פינצטערע אַנזאָגער-ינס זענען געווען, האָט

ער פאַרשווּיגן. ער האָט בלויז געדענקט, אַז מיטאַמאָל האָט אַלץ זיך מיט אים אַ דריי געטון, ער האָט דערפילט, ווי ער זינקט, אַלץ פאַלט און דרייט זיך מיט אים אַראָפּ ערגעץ אין אַן אָפּגרונט.

ווי לאַנג ער איז, נעבעך, געלעגן אין אַזאַ מעמד האָט ער נישט געוווּסט, בלויז ווען ער האָט די אויגן געעפנט, זיך אַרומגעקוקט, האָט ער זיינע אייגענע אויגן נישט געטרויט, אַז ער איז נאָך דאָ אויף דער וועלט.

געלעגן איז ער אויף אַ ווייכער עלעגאַנטער פּלוש-קאַנאַפּע אין אַ שיין אויסגעמאָלטער שטוב, אַלץ אַרום אים באַדעקט אין ווייסן, אַ ריין לייוונטן איבערצוג, העל, ליכטיק, אַ מחיה, די לופט פריש און ביי דער זייט פון אים איז געשטאַנען אַ פרוי אין ווייסן געקליידט, אַ ברייטע, שטייפע הויב אויפן קאָפּ און אין האַנט געהאַלטן אַ גרויס וואַקסן ליכט, אין דער צווייטער האַנט—אַ פלעשעלע, וואָס זי האָט אים אָפּט צוגעטראָגן צו דער נאָז מיט דער פליסיקייט, וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן דער-פרישנדיקן ריח. ווען דער פעטער האָט זי באַטראַכט מיט שרעק און וווּנדער, האָט זי דאָס ברענענדיקע ליכט אַוועקגע-שטעלט אויף א דערבייאיק שטייענדיק ווייס-מאַרמאָר טישל און אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייט חדר, און באַלד צוריקגעקומען מיט נאָך עפּעס אַ מאַנספּערשוין. יענער אָן אַ הוט אויפן קאָפּ, מיט אַ גלאַט פּנים ווי ביי אַ פרוי, האָט זיך דערנענטערט צום פעטער און אים געפרעגט, מיט אַ זייער פריינטלעכער שטים עפּעס אויף גויעש, דער פעטער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס פרעגט ער אים ווי ער פילט זיך און מער ווי שאָקלען מיטן קאָפּ, „אַז נישקשה”, האָט דער פעטער נישט געקאָנט. ווייסט דאָך, אַז פּויליש רעדן קאָן דער פעטער נישט אַ וואָרט. פון וואַנען זשע זאָל ער עס קאָנען, פון די הייליקע, יודישע ספרים? מ׳האָט דעם פעטער דערלאַנגט אַ גלאָז טיי מיט ציטרין און יענער האָט זיך צוגעזעצט ביים פעטער אויף די קאַנאַפּע און, אויף עכט יודיש אַ פרעג געטון, און דערביי דעם פעטערס האַנט פריינטלעך געהאַלטן אין זיינע:

— נו, זאָגט, ווי פילט איר זיך איצט, שוין בעסער?...

דער פעטער נאָך אלץ נישט געקומען צו זיך פון דער צעטומלונג, נישט ווילנדיק, אייגנטלעך, וואָס דאָ קומט מיט אים פאָר, נישט ווילנדיק, ווי ער געפינט זיך, האָט זיך אַרומגעקוקט מיט באַוווּנדערונג און, נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

ערשט ווען יענער האָט אים באַרויקט און גערעדט צו אים אין חנעוודיקן יידיש, פשוט, ווי אַן אייגענער ייד:

— שרעקט אייך נישט, איר געפינט זיך צווישן גוטע מענטשן, איר וועט באלד אַהיימגיין צו זיך, אַזוי באלד, ווי איר וועט זיך בעסער פילן.

און אגב דעם פעטער דערקלערט און דערציילט, ווי זיי האָבן אים, דעם פעטער געפונען דרויסן פארן קלויסטער, ביים עק מויער ליגן אַ פארחלשטן, צוזאָגנדיק אים נאכאמאָל, אַז באַלד ווי ער וועט זיך פילן אַ ביסל בכוח, וועט ער אָפּגעפירט ווערן צו זיך אהיים, איז דער פעטער ערשט געקומען אַ ביסל צו זיך, דערמאָנט זיך, וואָס מיט אים איז געשען און געענט־פערט, אַז ער שפירט זיך שוין בעסער.

די מומע האָט געטוזט אין מיטן דערציילן אונטערברעכן: פון צווייטן הדר האָט זיך געהערט דעם פעטערס שוואַך, קרענק־לעך קול, ווי ער רופט זי.

מיך האָט זי געלאָזט שטיין, איז אַריינגעלאָפן צום קראַנקן.

מיך האָט עס, ווי מיטגעצויגן עפּעס דאָרט אַריין, באַלד איר פון הינטן.

איך בין בייגעריק געווען צו הערן דעם סוף פונם זעל־טענעם צופאַל.

נישט קאנענדיק זיך דערווארטן, בין איך אויף די שפיצן זאַכט צו צו דער טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין חדר, ווו דער קראַנקער איז געלעגן.

די מומע, דערזעענדיק מיך, האָט אַ זאָג געטון צום קראַנקן, אָנווייזנדיק אויף מיר מיטן פינגער:

— דאָ האָסטו אים, זאָג עס אים אליין.

איך האָב מיך דערנענטערט צום קראַנקנס בעט.

מיטן פינגער אָנווייזנדיק, האָט דער קראַנקער פעטער מיר געגעבן אַ צייכן, ווי מיך אַהינצושטעלן, וואָס איך האָב תּיכּף געפאָלגט און ער האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— זעסט, דאָס האָבן געמיינט אונדזערע חכמים, אַז חסידי אומות עולם האָבן אַ חלק לעולם־הבא...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די ווערטער האָבן אַ שייכות מיטן פּאַרפאַל, מיט דעם, וואָס די מומע האָט מיר אָקאָרשט דערציילט אין דער קיך. אַ פּנים, אַז דער קראַנקער האָט זיך צו אַלעם צוגעהערט פון אָנהייב אָן, מחמת די טיר איז געווען אָפן, אבי נישט צו שטערן דעם קראַנקן מיטן פאַרמאַכן זי. און זיין דערקלערן איצט איז ווי אַ המשך צו יענער דערציילונג. כּדי אָבער צו דערגענצן דעם גאַנצן אינהאַלט, האָט דער קראַנקער מיט אָנשטרענגונג נאָך צוגעגעבן מיט אַ קוים הערבאַר קול:

— אָן אמת זאָג איך דיר, אַז קומענדיק צו זיך אין יענעם ליכטיק, זויבערן חדר, נאָך מיין חלשות, אַרומקוקנדיק זיך און אַלץ באַטראַכט דאָרט מיט אייגענע אויגן, האָב איך באמת געמיינט, אַז שוין, שוין — — — איך געפין מיך שוין אויפן עולם־האמת, אויפן... עולם־הדמיון.

יאָ, וואָס אָן אמת, אַזאַ רחמנות־געפיל, אַזאַ זאָרגפעלטיקע באַהאַנדלונג, האָב איך תּמיד געמיינט קאָן נאָר זיין און איינשטיין ביי אַ ייד. אַחוצדעם אַלעם, זיין שיין יודיש רעדן... איך זאָג דיר...

דעם קראַנקנס פּנים איז געוואָרן, ווי מיט אַ כמאַרע איבערגעצויגן, פאַרטראַכט... ער האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט, מיט צער געשאָקלט דעם שוואַכן, גראָען קאָפּ און ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— און גזר פלוצים דערזע איך אַ צלם אויף זיין האַרץ...

שטיל איז ער אַזוי געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, שטיל גאַנץ שטיל געאָטעמט, אפשר איז אים געקומען אויף דער מחשבה דאָס אייגענע, וואָס מיר... אונדזערע ביידע מוחות

האָבן זיך אין דער זעלבער צייט באַשעפטיקט מיט איין און דעם זעלביקן געדאַנק... אפשר.

מיד און שוואַך איז ער איינגעשלאָפן.

די מומע האָט מיר צוגעווונקען און מיר זענען ביידע אַריין אין קיך.

— וואָס זאָגסטו איצט צו מיין אומגליק, האַ?

און נאָכדעם ווי זי האָט שטיל, פּאַמעלעך צוגעמאַכט די טיר פון קראַנקנס צימער, האָט זי זיך געווענדט צו מיר און מיך איבערגעפרעגט:

— וואָס? אַ טרויעריק אומגליק, אַ בייז באַטרעפעניש האַ?

און אירע קלוגע, פייכטע אויגן, אָנגעשטעלט אויף מיר, האָבן ווי געזוכט צו זען, וואָס פאַר אַ מינע איך מאַך צו דעם גאַנצן ענין.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָב איך געצויגן די אַקסלען, ווי איינער זאָגט, וואָס ווייס איך דאָ צו זאָגן, און געבעטן זי צו דערציילן מיר ווייטער.

זענען אָבער גראָד אַריינגעקומען צוויי בעלי-בתים מבקר-חולה זיין דעם פעטער, דער געלער זרח, אַ ייִד אַ וויצלער, אַ געוועזענער משורר ביי אַ חזן, וועלכער פאַרט נאָך היינט אין קליינע דייטשע שטעטלעך נאָענט נעבן גרענעץ אָננעמען אַ דאַוונען אויף ימים-נוראים. דער צווייטער — דוד זיסעס, אַ פּשוטער ייִד, אַ קרעמער.

די מומע האָט זיי געבעטן שטיל אַריינגיין, נישט רעדן מיטן חולה, ווייל דער דאָקטאָר, האָט אַזוי אָנגעזאָגט, מחמת די שוואַכקייט פון קראַנקן.

דער קראַנקער האָט ביי זייער אַריינקומען געעפנט זיינע אויגן, געוויזן זיי, אַז זיי זאָלן זיך זעצן און אַליין צוריק פאַרמאַכט די אויגן און, דעם קאָפּ אָפּגעקערט צו דער וואַנט.

שווייגנדיק איז מען זאַלבדריט זיצן געבליבן.

דער געלער זרח האָט אויס לאַנגווייליקייט גענומען אַ ספר פון קראַנקנס בעט אַראָפּ, געמישט עס, געבלעטערט אַזוי לאַנג ביז ער איז צוגעקומען צו עפּעס אַ פאַרקנייטשט בלע-

טעל, דארט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען לייענען. אויף זיינע ליפּן האט זיך פארצויגן א לייכטער שמייכל, די ווינקלען פון זיינע אויגן האָבן ווי הימלען געלאכט, מיר א ממזרישן ווונק געגעבן מיטן אייגל, מיטן פינגער מיר אנגע-וויזן דאס ארט אין ספרל און מיר עס דערלאנגט צום לייענען.

דאָרטן האט זיך געהאַנדלט טאקע מכּוח דעם ענין, וועגן נישט זעען דעם אייגענעם שאָטן הושענא-רבה ביינאַכט, א מיסטישע דערקלערונג, פאַרבראָקט מיט רמזים און סודות.

מיר האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט אינדזערע בליקן, אַז מיר פאַרשטייען זיך...

פון געלן זרחס פּנים האָב איך אָראָפּגעלייענט, אַז די סיבה פון פעטערס קראַנקהייט איז אין שטאָט נישט מער קיין סוד.

געזעסן זענען זיי, דער געלער זרח און דוד זיסעס, נישט לאנג, ווייל רעדן מיטן קראנקן האָט מען נישט געטאָרט און סתּם אזוי זיצן און נישט ארויסרעדן קיין וואָרט איז אודאי נישט ניחא, האבן זיי אים געווונטשן אַ „גוטע בעסערונג" און זענען אַרויס פון שטוב.

זייענדיק שוין אין קוך, האָט דער געלער זרח אפּנים געוואָלט דער מומען זאָגן עטלעכע באַרויקונגס ווערטער.

— גלייבט מיר — האָט ער זיך צו איר געווענדט מיט אַן איראָניש געלעכטערל אויף די ליפּן — גלייבט מיר, אַז די גאנצע מעשה מיטן שאָטן איז א חוזק. נישט געזעען דעם איי-גענעם שאטן, שייך צו זאָגן נישט געזעען?... ס'טרעפט זייער אָפט, אַז די לבנה שטייט גראָד הויך איבער אונדזערע קעפּ, פאלט דער שאָטן אויף הינטער די פיס און פארלירט זיך טייל-מאָל אינגאַנצן. זאָרגט נישט — האָט ער צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ באוועגט מיט דער האנט אין דער מומעס זייט און זי גע-טרייסט ביים אַוועקגיין, — זאָרגט נישט, גאָט וועט העלפן, אייער אַלטער וועט געזונט ווערן.

— הלוואי! פון אייער מויל אין גאָטס אויערן, הימלישער פאָטער! — האט די מומע פארגלאָצט די אויגן אָקעגן הימל,

געענטפערט — לײדער אָבער זע איך, אז פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה ווערט אַלץ ערגער; דאָס געשעעניש ביים קלויסטער האָט נאר פארטאָפּלט דאָס אומגליק.

— ווייסט — האָט זיך די מומע געווענדט צו מיר — אַז פון קלויסטער ביז אַהערצו האָט אים, דעם פעטער, אָפּגעפירט דאָס הייקערל, וואָס האט אים באדינט די גאנצע צייט דאָרט אין קלויסטער.

זייט דעמאָלט, הער איך אים, דעם פעטער, יעדע נאכט, ווי ער וואָלט רעדן אַליין צו זיך, אויב ער שלאָפט, אָדער איז וואַך ווייס איך נישט. זיינע ווערטער זענען אומגעפער אזעלכע:

— אַ צדיק פון א גוי!... ניין... דאָס איז נישט קיין גלח...

די פאָריקע נאכט, איך שלאָף דאָך נישט, גיי שלאָף ביי אזעלכע צרות, מ׳שטיינס געזאגט, הער איך, ווי ער רעדט גאנץ שטיל, ווי פון שלאָף:

— לעב איך נאָך? אָדער שוין... איך וויל נישט איבער מיין מויל א־ויסברענגען — נישטאָ קיין שאָטן, איז אויס לעבן. צוויי נשמות האָבנס מיר אָנגעזאָגט: פארלוירן.

א חורבן, אן אומגליק איז אויף מיר געקומען צוציהערן אזעלכע ווערטער. טויטאַנגסטן טרעטן אויף מיר ארויס דאָס צוהערנדיק — און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי ווייטער גערעדט:

— מיין אומגליק, מענטשן, איז זייער גרויס, ער שטארבט מיר אָפּ שעהגוויין. עכן, עסט ער לחלוטין גאָרנישט. דאָס ביסל טיי מכלומרשט זאל אים דערהאלטן?

דער קראנקער האט זי גערופן. די מומע האט איילעניק ויך אויסגעווישט די אויגן און אריין צום פעטער. מיר דריי זענען אַרויס אויפן גאס.

איך האָב מיינע צוויי באגלייטער דערציילט וועגן די צוויי געשטאלטן ביים קלויסטער, וואָס האבן זיך באוויזן דעם פעטער אינם פאַטאלן אָוונט.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? — רופט זיך אָן דער געלער זרח צו מיר — אייער פעטער, זאָל כאריך־

ימים זיין, איז א קרוב לשבעים, ווי איר זעט. לייענט ער זיך אָן מיט אזעלכע זאכן, וואָס מאכן אויף אזא אלטיטשקן אַ גייסטיקן איינדרוק. כ׳קאָן שווערן, אַז אינם טאָג פון פאַרפאַל האָט ער גראָד אין דעם ספרל דאָרט געגישטערט בנוגע דעם ענין הושענה־רבה. לויטן דאָרט אָנגעקנייטשטן בלעטל איז צו זעען, אַז גראד האָט ער געפונען אין ספרל דאָרט וועגן נישט געפונען דעם אייגענעם שאָטן, דאָן איז שוין צוגעקומען אין זיין פארשטעלונג, וואָס איז שוין יעדנפאלס קרענקלעך און שוואַך, ווי ער דערזעט נישט זיין אייגענעם שאָטן, פאַרטומלעני־דיק פאר פחד האט אים שוין די פארשטעלונג געמאָלט צוויי נשמות אין געשטאלט פון ווייבער, אן עולם־הדמיון און ווייסט גאָט וואס נאָך אלץ.

— ס׳טייטש? — רופט זיך אָפּ דוד זיסעס — ר׳ משה זעליקן עליו־השלום, האט איר דאָך מסתמא אויך געקענט, געווען אַ יוד אַ למדן, אַ ירא־שמים, דאָס זעט מען דאָך היינט נישט, האַ? ער אַליין, דערציילן מענטשן, האָט פערזענלעך געזען אַ מאָל די צוויי פארוואָגלטע נשמות, אין געשטאלט פון צוויי ווייבער, און איך אליין קאָן אייך דערציילן, וואָס איך האָב געהערט זייענדיק נאָך אַ יונגל, אַז מענטשן האָבן מיט אייגענע אויגן געזען, ארום צוועלף ביינאַכט, ווי צוויי ווייבער האבן זיך געבאדן אינם טייכל הינטערן קלויסטער, און אין אַ פאר מינוט שפעטער זענען זיי פארשוונדן. דערציילט האָט מען אין שטאָט, אַז נישט היינט געדאכט איז דעמאָלט רחמנא־לצלן דער טיפוס אריבער...

ביים לעצטן וואָרט האָט דער דערציילער אַרויסגעלאָזט שפייעכץ אויף די ליפן און מיט די פינגער עס אָפּגעקוועטשט פון מויל און אָפּגעוואָרפן.

— גראָד זענען דעמאָלט לא־עלינו צוויי יונגע ווייבלעך געשטאָרבן אין קימפעט. קומען זיי איצט דארטן צום טייכל נע־מען זייער טבילה. די אלטע רביצין, עליה־השלום האָט אפילו געקענט ביידע ווייבלעך ביים לעבן.

דער אלטער זרח האָט אים צוגעוואָרפן אַ שפּאָטישן

בליק, און צו מיר זייטיק אַ פּינטל געטון מיט זיין ממזריש אייגעלע און מיר זענען אויסאַנאַנדער געגאַנגען.

פון יענער צייט אָן, בין איך געקומען צום קראַנקן פעטער אָפטער מבקר־חולה זיין. יעדעס מאָל האָב איך געטראָפן זיין מצב ערגער, וואָס אמאָל מיט אַ שלעכטערן אויסזען. אָפּגע־מאָגערט איז ער געוואָרן ביז כמעט א סקעלעט, געהאַלטן כסדר נאָר אין איין שלאָפן; ווייניק גערעדט און צולעצט קיינעם נישט דערקענט מער.

אין לעצטן טאָג חניכה איז ער געשטאָרבן.

געהאט האט ער גאָר א גרויסע לויה. דער רב האָט אים מספּיד געווען און מענטשן האָבן אים נאָכגעזאָגט שבחים.

דער נוסח וועגן יענעם געשעעניש אין הושענא־רבה ביינאַכט, איז דורך יעדן אנדערש נאָכדערציילט געוואָרן, צוגעבנדיק פאַרשידענע הוספות און א סך פּרושים.

צוריקגייענדיק פון בית־החיים, האָט דער געלער זרח מיט מיר גענומען איבערשמועסן נאָך אמאָל דעם גאַנצן ענין.

— איר ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — זאָגט צו מיר דער געלער — איר ווייסט, נאכדעם, ווי איר האָט מיר דערציילט דעמאָלט די מעשה מיט די צוויי ווייבער ביים קלויסטער, וואָס איז אויך עווען די סיבה פון דעם פאַרשטאָר־בענעמס חלשן, איז נישט אנדערש, ווי דאס זענען געווען ווייבער פון „שוואַרצערס", וועלכע לאָזן זיך שמוגלען סחורות דורך דער גרענעץ. פאַרשטייט איר מיך, דורך דעם וועג אויפן פעלד, וואָס פירט הינטערן קלויסטער צו דער גרענעץ, ברענגען די פויערים־שמוגלערס פעק געשמוגלטע סחורה פאַר די היגע שוואַרצערס, אָדער דורך זייערע ווייבער דאָרטן הינטערן קלוי־סטער, כדי צו וואָרענען די פויערים, אויב אין שטעטל איז פאַראַן „שמירה", ד. ה. אויב פּאָליציי אדער גרענעץ־זעלנער וואַרטן נישט אויף זיי. ווען יאָ מוזן די שמוגל־פויערים אויס־מיידן דעם וועג און אריינקומען אין שטאָט דורך ערגעץ אַנ־דערש און אויב די שמירה איז מסוכנדיק, פאַרשטאַרקט אויף אַלע ווייטן, מוזן די שמוגלערס זיך באַהאַלטן אין די גרובער

הינטער דער שטאָט, ביז די „שמירה" גייט אַריבער. ס'טרעפט אפילו, אַז ווען ס'איז גאָר שלעכט, דהיינו, ביי אַן אָבלאַווע ווארפט מען די פעקלעך אין וואַסער אריין, אָדער סתּם אין פעלד, אויף הפקר, און אליין לאָזט מען זיך לויפן, ווו דער פעפער וואַקסט, אַבי ניצול צו ווערן מיט גאַנצע ביינער...

איך קום דאָך, ווי איר ווייסט, אָפט אריין צו די שוואַרצערס, בין זייער אָפט א גאַסט ביים שוואַרצן דוד, דעם גרעסטן „מויליכער" אין שטאָט און נאָך צו אַ סך אַנדערע. דאָרט איז שוין באַקאַנט, אַז למשל אין א פינצטערע נאַכט, זענען די פויערים-שמוגלער זיכערער, הן איבער דער גרענעץ הן איבער די פעלדער, באַוויַיזט זיך אָבער פּלוצים מיטאַמאָל די לבנה, איז ביטער, דעמאָלט ווערן זיי פון די גרענעץ-זעלנער, אָדער דורך פּאָליציי אַנטדעקט, און ס'איז נאָך אַלעם!

איצט פארשטייט איר שוין דאָך מן-הסתּם, אַז אַפּוואַרטנדיק הושענא-רבּה ביינאַכט די שמוגלער-פויערים, טאַקע דאָרט הינטערן קלויסטער, פון וואַנען זיי דארפן געוויינטלעך אַנקומען, האָבן די ווייבער פון די מויליכערס באַמערקט גיין אַ יודן, האָט אייגע נאָך דער צווייטער געפרעגט, אויב ס'איז שוין צוועלף, די העכסטע, שפּעטסטע צייט צום אָנקומען פון די פויערים. הערנדיק דעם ענטפער, אַז יאָ, און די פויערים-שמוגלער זענען נאָך אַלץ נישטאָ, איז הייסט דאָס אַ שלעכטער סימן „פארלוירן" דאָס גאַנצע ביסל אָרעמע פארמעגן.

דער אַלטער, עליו-השלום, האָט אָנגענומען דאָס וואָרט „פארלוירן", ווי א פאַרזעצונג צו זיין שאָטן-זוכעניש, אַ מין „אָנזאָג פון אויבן", זיין שרעק האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה...

צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ האָב איך אים, דעם געלן, מיין צושטימונג געגעבן, מסכּים געווען מיט זיינע קלוגע השערות.

— איר ווייסט, -- האָב איך צו אים געזאָגט — מיך אינטערעסירט דאָס אינעווייניקסטע פון קלויסטער, מער ווי דאָס אויסערלעכע...

צוקומענדיק צום קלויסטער־געסל נעגטער, האָבן זיך א טייל פון די מלוים געלאָזט צו גיין צום ברונעם, וואָס שטייט דאָרט אין עק מאַרק, כדי די הענט צו וואַשן.

ביים עק פון קלויסטער, ביים שוואַרצן, גרויסן אייזערנעם טויער, זענען מיר, איך און דער געלער זרח, קווער־אויס אריבער, גראָד איז דאָרט געשטאַנען א מיטליאָריקער גלח און זיך צוגעקוקט, ווי די יודן וואַשן זיך די הענט ביים ברונעם.

-- ווער איז דאָס ביי אייך געשטאָרבן? — האָט ער אונדזביידע איבערגעפרעגט.

דער געלער זרח האָט אים אָנגערופן דעם נאָמען.

איך האָב אָנגעקוקט דעם גלחס פריינטלעך פנים, זיינע שוואַרצע גוטע אויגן, זיין שטערן האָט זיך אביסל צוזאַמענגעצויגן, די ווינקעלעך פון די אויגן צו די שלעפן צו, האָבן זיך צעפּאַלדעוועט אין קנייטשן, אַ שטייגער ווי געוואָלט זיך דערמאָנען עפּעס אַ באַקאַנטן נאָמען.

---

— אָן אונדזעריקער! -- האָב איך שיער מיך נישט אַרויסגעכאַפּט און געקאָנט דערויף שווערן.

## דער קראַנקנוועכטער

אין אַ הייסן זומערטאָג נאָכמיטאָק.

די אויסגעהויכטע פּאָרע פון מויל האָט געטרוקנט די ליפּן, דער אַריינגעצויגענער אָטעם האט ממש געבריט. די זון איבערן קאָפּ האט געגליט און געבראָטן, ווי אַ הייס צעגליטע שטאַרץ און געשפּריצט מיט ברענענדיקע שטראַלן וואָס האבן געצווונגען דעם מענטש אויפצוזוכן פאר זיך אַ באַשאָטנטן ווינקל.

איך בין אריין אין בירשענק פון מיינס אַ באַקאַנטן פריינט נישט אַזוי צוליב דעם גלאָז ביר, ווי דאַרט אין אַ זייטיק קיל שטיבל אַביסל זיך אָפּצוקילן און אָפּצורוען.

אַקעגנאיבערן טישל ווו איך האב מיך אַוועקגעזעצט, איז ביי אַ האַלב ליידיקן קופּעל ביר געזעסן עפּעס אַן עלטערער ייד, אַראָפּגעזונקען מיטן קאָפּ צו דער ברוסט און געדרימלט.

דער אייגנטימער פון שענק, אַ סימפּאַטישער און אינטע־ליגענטנער, צודערלאַנגנדיק מיר א קאַלט גלאָז ביר, האָט, באַ־מערקנדיק מיין פאַרגאַפן זיך אויפן דרימלענדיקן שכן, זיך צע־שמייכלט:

— פון דעם יידן אָט דאָ — יחיאל דעם רויטן, ווי מען רופט אים, דעם שטאָטישן קראַנקנוועכטער — באַקאַנט אוודאי, ווער קאָן אים דען נישט? קאָנט איר הערן מעשיות אָבדער־ציילן, אָן אַ שיעור, קוים איז ער נאָר ביי קוראַזש און, דאָס איז ער שטענדיק נאָך אַ ביסל ביר. אפשר מיינט איר אויסגע־טראַכטע מעשיות? חלילה! צו דעם איז ער גאָרנישט מסוגל,

פאַרפאַלן דווקא, וואָס ער האט אַליין איבערגעלעבט. ווי איר קוקט אים אָן — האָט דער שענקער ה׳ ב. אַ ווייז געטון מיט דער האַנט צום שלאָפנדיקן אויפן שטול, פאַרענדיקט — ווי איר קוקט אים אָן, ציילט דאָס יידל שוין אַריבער די אַכציקער, נישט צו גלייבן, וואָס? ער זעט קוים אויס ווי אַ פופציקער, נישט אמת?

איך האָב מיין גלאז ביר מיט אַ כיוון אוועקגעשטעלט מיט אַ שטארקן זעץ אויף די מארמאָר-פלאט פון טיש. פונם האָס-טיקן קלאַפּ, האָט מיין שכן זיך איבערגעוועקט, אַרומגעקוקט זיך מיך באַמערקט, אַ ״ייכטן שאָקל געגעבן מיר מיטן קאָפּ, אַלס גרוס. אָפּגעגלעט און אויסגעגלייכט זיין רויטלעכע באָרד, וואָס האָט קוים געהאַט געציילטע גרויע האָר. מיט אַ דורשטיקן צי׳ דעם האַלבן קופל ביר ליידיק געמאַכט.

— ר׳ יחיאל, טרינקט מיט מיר אַ גלעזל ביר — האָב איך מיך צו אים געווענדט — ס׳איז דאָך אַ הייסער טאָג, אַ הייסער טאָג, אַביסל אָפּקילן זיך פון דער היץ מאַכט קיינמאָל נישט אויס.

מיין שכן האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, מיך באַטראַכט מיט זיינע רויטגעלי־אמעוועטע אויגן, פון וועלכע די ווייסלען זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ נעץ געלע און רויטע אָדערלעך, די אונטער-שטע ליפּ איז ביי אים באַכנעהאנגען, ווי אָפּגעריסן פון מויל, פון וועלכן ס׳האבן שיטערלעך ארויסגעקוקט געל-שווארצלעכע, געבויגענע שטאַרקע ציין...

— מהיכי-תיתי — האָט ער איינגעשטימט און מיך אָפּגע-כאַסטן מיט זיינע פארלאָפענע אויגן. — טרינקען! אַזוי לאַנג מען טרינקט לעבט מען און ס׳דורשט ווייטער. ווי איר קוקט מיך אָן, לעב איך טאַקע נאָר אין זכות פון דעם ביסל טרינקעכץ!

איר פארשטייט? קיין ווייב האָב איך נישט שוין אַרי-בער אַ יאָר צוואַנציק, ווי זי, עליה-השלום איז אוועק, טאָ וועַר זשע זאָל מיך אָפּהיטן? ווען נישט דאָס ביסל משקה, אָהאָ! ווער ווייסט ווו איך וואָלט שוין געווען.

ווי איר זעט מיך, בין איך נישט קיין יונגערמאַן, באַלד

אַן אכציקער. ביז הונדערט און צוואַנציק, און דאָס טאַקע צוליבן ביסל...

דאָס האט ער גערעדט מיט אַ הייזעריק טיף קול, אַביסל אונטערגעהוסט, די אויגן בײַ אים האָבן זיך צערייטלט און אויפֿגעבליצט.

איך האָב מיך נענטער צוגעזעצט צו זײַן טישל, געהייסן דערלאַנגען צוויי גלאָז ביר.

די אויגן בײַ אים זענען נאָך גרעסער און הייטערער געוואָרן. איך האָב מײַן גלאָז ביר גענומען אין האַנט צום צייכן מען זאָל טרינקען. מײַן שכן האָט מיט קוראַזש מיר מיטגעהאַלטן, אײַנגעגראָבן די אויגן אינם געדיכטן ברוינלעכן שוים, מיר געזאָגט אַ הייזעריקן „לחיים” און אַ טיפֿן שלוק געטון, אַז באַלד איז דער גרויסער קופּל האַלב ליידיק געוואָרן, אָפּגעגאָגט די לאַנגע נאָכהענגענדיקע וואָנסן, וואָס האָבן געבלאַנקט אָנגעזאַפּט מיט ביר בײַם טרינקען און מיט אַ סמאָטשקען אַנידערגעשטעלט דעם קופּל אויף דער מאַרמאָרענער טיש-פּלאַט:

— אַ נישקשהדיק גלעזל ביירישע — האַ?

— זאָגט מיר ר׳ יחיאל — נעם איך פֿאָרזיכטיק פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט אים — זאָגט מיר איך בעט אײַך, זײַט איר באמת שוין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַן אכציקער? איז אײַך נישט שווער וואַך צו זײַן בײַ קראַנקע? און ווען שלאָפֿט איר טאַקע?

מײַן טיש-שכן האָט אויסגעליידיקט דעם רעשט ביר פֿון גלאָז, אָפּגעלעקט די נאַסע וואָנסן מיטן צונג, איבערגעווישט זיי מיט די פֿינגער, אָנגעלענט זײַן ברוסט אויפֿן גריף פֿון זײַן סענקעוואַטן גראָבן שטעקן, און זײַנע רויטגעליאַמעוועטע אויגן האָבן פֿון דעם אַריבערגעבייגטן קאָפּ, אַרויפֿגעגלאָצט צו מיר מיט אַ פֿאַרכראַפּעטע שטים.

— יאָ, דאַכט זיך אַזוי, אַז ערב-פּסח בין איך געוואָרן — אַכציק, צווייאוןאַכציק... אפשר גאָר נאָך ווייטער. אָבער וואָס אייגנטלעך איז די נפקא-מינה, האַלט איך דען בײַ חתונה האָבן... איר פֿרעגט, אויב ס׳איז מיר שווער צו האַלטן וואַך בײַ קראַנ-

קען? יאָ שווער, נישט שווער, ס'קומט אָן דערויף, צי ס'איז ביים קראַנקן דאָרט פאַראַן אַביסל משקה, איר פאַרשטייט?... ווען איך שלאָף? ביי נאַכט קיינמאָל נישט; ס'איז דאָ ברוך־השם יעדע נאַכט קראַנקע, און צו די גרעסטע גבירים ווען נעמט מען, אַז נישט מיך... ווען האָט דער גביר ר' גאָדיל צו פאַרדאַנקען דאָס געזונט ווערן פון זיין פרוי? נישט אפשר מיר. צוועלף נעכט כסדר ביי איר געוואַכט און זי אָפּגעהיטן מיט מע־דעצינען, פונקט צו דער מינוט. אָדער דעם סקלאָדניקס בן־יחיד ווי הייסט ער דאָרט? דאַכט זיך, דימאַנט, יאָ? און... וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? יאָ, דאָס אַלץ זעט איר, איז גאָר־נישט מיט גאַרנישט. אָט ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך שוין אין מיין לעבן עפּעס אָדורכגעמאַכט, איר פאַרשטייט?... איר וועט מיר מוחל זיין, איר זייט נאָך אַ יונגערמאַנטשיק, אַ שניעק איר דאַרפט וויסן, אַז... אַז... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ אָט זעט איר, אַז האַלטן וואַך ביי קראַנקע איז סתם גאַרנישט; שלאָפט דער קראַנקער, איז אודאי גוט, דרימלט מען אַליין אויך אַביסל, אלא וואָס דען, ביי בר־מיננס? אָ, דאָ זעט איר, איז שוין אַ האַרבע זאַך, דאָ דאַרף מען שוין קיין אויג נישט צו מאַכן. טאָמער יאָ? איז מען אַ פאַרטיקער, אַן אָפּגעפּאָרענער. די „יעניקעס", איר ווייסט דאָך מסתמא ווען מען מיינט, נישט איבערן מויל צו ברענגען, האַ? טאָמער טשעפּען זיי זיך אָן, איז שוין גאַרנישט מקנא צו זיין...

מיין פאַרטנער, האָט דאַ געמאַכט אַ קליינע פויזע, זיך אָפּגעווישט מיט אַ רויט נישט איבריק זויבער טאַשנטיכל פון שטערן דעם שוויס און גלייכצייטיק אויך די נאָז און די אויגן, וואָס זענען אין פאַרב ענלעך געווען צום טיכל. צוגערוקט זיין שטול נענטער צו מיינעם, און געמאַכט הכנות צו אַן ערנסטער דערציילונג.

— אָט וויל איך אייך דערציילן, פון יענער צייט, נישט היינט געדאַכט, וועט איר ערשט פאַרשטיין, וואָס אַזעלכעס עס הייסט זיין אַ קראַנקנוועכטער, אדער מתים־היטער.

ער האט בענומען אויסנעפן די פאָר פאַרבליבענע טראָפּן

פון ביר-גלאָז, פאַרשטייענדיק זיין כוונה, האָב איך אים געהייסן דערלאַנגען נאָך אַ קופּל ביירישׂ. זיין פּנים האָט צעשיינט פון צופרידנקייט.

ר' יחיאל האָט ווייטער געטון אַ שלוק, געלאָזט שטיין אַ האַלבן קופּל ביר, און גענומען דערציילן:

— אַריבער שוין אַן ערך אַ יאָר צוואַנציק, נישט היינט געדאַכט, די כאָלערע האָט געבושעוועט אין אַ סך שטעט אין פּוילן, לכתּחילה האָט זי אויסגעמיטן אונדזער שטאָט, דאַן — הערט אַ מעשׂה, הערט און לאַכט נישט, כ'ווייס איר פילאָזאָפן און אפּיקורסים האַלטן נישט פון אַזעלכן:

נאָענט פאַר ימים-נוראים, דעמאָלט אַרום ראש-חודש אלול אין אַ מיטנוואָכנדיקן פאַרמיטאָג, קופּקעלעך יידן זענען גראָד געשטאַנען אינמיטן מאַרק, בין איך פונקט אַרויס פון דער אַפּטייק אָפּגענומען אַ רעצעפּט פאַר אַ קראַנקן. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די זון האָט געשיינט, קיין פּיצל ווינט איז נישט געווען צו באַמערקן. מיטאַמאָל, מאַכט זיך טונקל, די זון צעשיינט אַ ווײַלע און באַהאַלט זיך, שווער צו דערקענען. די לופט פאַרנעפּלט גרוי, אָן שום סימן פון אַ ווינטל... דאָך אָבער פּלוצים האָט זיך עפּעס אָנגעטראָגן און צוזאַמען געטריבן אַ קאַראַהאָד פון בלעטער, צווייגלעך, שטרוי און פאַרשידענע שטיקלעך אַרומוואַלגערנדיקע פּאַפּירלעך פון אַלע זייטן, דערהויבן האָט זיך אַ קליינער רינגל-טאַנץ, וואָס איז וואָס אַמאָל גרעסער און ברייטער פאַנאַנדער געוואַקסן, אין אָנהייב נידריק אויף דער ערד און דאַן אַלץ העכער און העכער. ס'האָט צעטאַנצט אַ שדים-חתונה...

מיט מיינע אייגענע אויגן עס געזען, ווי אינמיטן, גראָד אינמיטן פונם טאַנצנדיקן ראָד האָט זיך, אַרום אינם אייגענעם קרייז געדרייט אַ פּעקל מיט האָר, זייער לאַנגע, אמתע פרויען האָר.

אַ קיצור. דאָס ראָד מיט די טרוקענע אָפּגעפאַלענע בלעטער, צווייגלעך, שטרוי און אַלערליי פּאַפּירלעך און שמאַטעס, האָבן זיך געהויבן, געהויבן, געדרייט זיך אין אַ געשווינטן משוגענעם קאַראַהאָד פון אויבן האַרט ביי דער ערד שפּיציק, און

וואס ווייטער ארויף צו אויבן־צו, אלץ ברייטער און ברייטער מיט אן אויסזען פון א גרויסן משונהדיקן ליאַק (א טריכטער).

איר פארשטייט? ווען דאס ראד האָט אינדערהייך דערגרייכט אויף א שטאק, האט זיך אלץ מיט איינמאל, וואס האָט זיך ביז איצט צונויפגעהאלטן אינאיינעם, א לאָז געטון זיך, ווי דורך א באפעל אַהינצו צום עק הויז, וואָס שטייט דארט נאענט ביים ברוק־אפצאָל, ביי די בוידן, דאָרט האָט דעמאָלט געוווינט ר׳ מאירל בלאַכמאן, איר האָט אים אודאי נאך געקענט, און אלץ מיטאַנאנדער ווי אַ טאנץ פון אַ מכשפים, האָט אין א ווירבל געדריי, איבעריאגנדיק איינס דאס אנדערע, זיך ווי אַנגעפּאַטשט און איבערגעיאָגט, זיך צוזאַמענגעוויקלט, ווי פאַרייניקט אין א געדיכטן, געדיכטן רויך, אין א גרויע פארע זיך דערהויבן איבערן קאמין פון זעלביקן הויז אויפן דאך, ווי א ריזיקע ליכטיק־דורכזיכטיקע שלאַנג און, מיטאַמאל זיך אַראפגעלאזט אינם לאָך פונם קאמין, אלצמיטאַנאנדער, מיט אַזא געשווינטקייט, ווי אַ מחנה ווילדע שטיפערס, אונטערגעשטיפּט איינס פון אנדערן און פארשווונדן...

שוין האָט די זון ווידער געשיינט ווי פריער, די לופט איז געוואָרן ריין און לויטער. די מענטשן אַרום, בעלי־הבתים וואָס האָבן מיט באוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צום גאנצן שפּעקטאַקל, האָבן זיך איצט, ווי אָנגעקוקט תמעוואַט און איבערגעפרעגט:

— וואָס זאָל דאס באדייטן?

— רבותי! — האָב איך זיי געזאגט — דאס איז אַ שלעכטער סימן. ס׳הייסט, דאס וואס איר האט איצט געזען, איז „אַ כישוף־ראָד”, גאט ווייסט, וואס פון דעם קאן ארויסקומען, הלוואי זאל איך בלייבן א ליגנער.

דער דערציילער מיינער האט אַ פּנים באַמערקט מיין איראָנישן בליק מיין איינגעהאַלטענעם שמייכל און באַוויגן שווער מיט זיין קאָפּ אַהין און אַהער ווי ביין צו זאָגן, מיט אַ ערנסט מוסר־קול צו מיר זיך אָנגערופן:

— לאַכט נישט, לאַכט נישט! איר קאָנט יאָ גלייבן, נישט

גליבן, מיר איז עס בנאמנות אלצאיינס, אָבער הערט אויס ווײַ־טער, און אייך וועט זיך שוין נישט גלוסטן מער צו לאַכן.

ער האָט אויסגעליידיקט דאָס רעשט ביר פון קופל דער־קוויקנדיק זיך צעא־א־א־ט באַלעקט מיט דער צונג די וואָנסן און ווייטער דערציילט:

— איצט הערט ווייטער, אָבער גלייבט מיר, בנאמנות, אַז דאָס אַלץ וואס איך דערצייל אייך איז נישט אויסגעטראַכט. מענטשן קענען אים ברוך־השם. יחיאל קראַנקנוועכטער זאָגט נישט קיין ליגנט.

צוועלף ביינאַכט, איך בין גראָד געזעסן און געוואַרט ביי א קראנק קינד, ביי אפרים בעקערס און אַביסל געדרימלט — ערשט —

מ׳קלאַפּט.

— ווער איז?

— עפנט, ר׳ יחיאל! דערבאַרעמט אייך! איך, דבורה, ר׳ מאירלס ווייב.

איך עפן און לאָז זי אריין. קום, קום זי קאָן רעדן.

— האט גאָט אין הארצן ר׳ יחיאל — בעט זי זיך ווײַ־נענדיק — קומט, קומט שוין מיט. איך טרעט נישט אָפּ פון דא־נען אָן אייך. שוין, שוין, האט רחמנות, ר׳ יחיאל!

— וואָס איז געשען ביי אייך? — פרעג איך — איז ווער געוואָרן קראַנק, חלילה?

— מיין מאַן, געוואַלטן — ברעכט זי אויס אין א יאָמער און רייסט זיך דעם קאָפּ.

— זאָגט, וואָס איז אים? איך מוז פריער וויסן.

— ר׳ יחיאל, כ׳ווייס אסור נישט וואָס. ער לאַקסירט און ברעכט און האט קראַמף.

— אַהא — טראַכט איך מיר—די מעשה איז פּאַרטיק...

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט ר׳ מאירלען, דערויף זייבע צוויי טעכטער, רחמנא־לצלן. און נישט היינט געדאַכט, איז עס אַוועק איבער דער גאַנצער שטאָט. ס׳האט קיין הויז נישט אויסגעמיטן, קיין שטוב נישט דורכגע־

לאָזט. וואָס עס האט זיך אָפּגעטון, ברויך איך אייך נישט דערציילן. מענטשן זענען, לא-עלינו, געגאַנגען, געשטאָנען, און געפאַלן ווי אָפּגעזעגטע פליגן; אַ מהומה איז אָנגעקומען וואָס די אבות-אבותינו האָבן נישט געוווּסט דערפון...

צענדליקער זענען אַוועק פון דער כאָלערע פאַרכאַפּט צענדליקער יידן, אַלט ווי יינג, כאָטש גיי צערייס זיך. מ׳רופט, מ׳זוכט פון אַלע זייטן! די מקברים שטייען אָפּ, זיי זענען נישט ביכולת אַזוי פיל קברים אויסצוגראָבן, די פּאָליציי פאַרווערט די מתים צו לאָזן אויף א מינוט אין שטאָט. אַ בהלה גאָט זאָל שומר-ומציל זיין. בשעת מגפה פאַרלירן מענטשן די קעפּ. געלט איז בלאָטע. שנאַפּס? פע! ריינעם אָקאָוויט גיט מען וויפיל דו ווילסט.

אַ קיצור, חמרים האט מען טעגלעך אַרויסגעבראַכט אויפן בית-החיים, דאָס מתים-שטיבל איז איבערפולט. מיר איז אויסגעקומען יעדע נאַכט כמעט צו היטן אַ פּאָר טיץ בר-מינגס אינם מתים-שטיבל; מיינע קאָלעגן פון פאַך האָבן מיך פאַרטרעטן אין שטאָט.

און אָט דאָ, הייבט זיך אָן די עיקר-המעשה וואָס איך וויל אייך דערציילן.

ר׳ יחיאל האט זיך אָפּגעגלעט די באָרד זיינע, אַ קוק געטון אויפן וואַנט-זייגער, אַ גרויסן שפּיי געטון אויפן דיל אַ זעץ געטון מיטן גראָבן שטעקן ביים אַוועקשטעלן אים און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים, אויפגעהויבן די גרויסע פאַרייטלטע אויגן אויף מיר, ווי אַ שטייגער מיך אָפּצומעסטן, אויב איך בין אויך צוגעגרייט אויסצוהערן מיט קאָפּ זיין ווייטערדיקע דערציילונג.

— איר הערט? — ווענדט ער זיך צו מיר, מאַכנדיק אַ קליינע פּויזע, ווי ער וואָלט וואַרטן אויף מיין הסכם, אַז איך הער. איך האָב אים אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ אויף יאָ, — איר מעגט הערן, דאָס וועט אייך אינטערעסירן.

אַזוי זיצנדיק אַמאָל ביינאַכט אינם מתים-שטיבל, וואַך צווישן פרישע ערשט געבראַכטע בר-מינגס, אַז פלוצים גאָר האָבן די „יעניקעס", די ריכטיקע ח ב ר ה, איר ווייסט דאָך ווער מען מיינט, גענומען אַביסל זיך פאַרטשעפּן מיט מיר, געמיינט אינ-

דערמאָנען, אַז זיי האָבן דאָ פאַר זיך אַ פּריץ. איר פאַרשטייט? מיט מיר גאָר אָנגעהויבן; מיט מיר דעם פּינפּאונצוואַנציקיאָריקן ניקאָלאַיעווסקין סאָלדאַט, איר פאַרשטייט אַ שטייגער וואָס דאָס הייסט? —

מײנער האָט זיך אַ שטעל אויף געגעבן אַ צי געטון דאָס היטל אָן אַ זייט, צום אויער צו אַראָפּ, מעשה ווילער־יונג, אויסגעשטייפט זיך ווי אַ יונגער זעלנער, מיט דער ברוסט פאָרויס.

— ס'מירנאָ! — האָט ער זיך קאָמאַנדעוועט, זיך אויסגעצויגן גלייך ווי אַ דראָנג און דאָס פּנים פאַרכמורעט בשעת־משה מיט ערנסט און חשיבות ווי ער האָט אָקאָרשט פאַר זיך זיין קאָמאַנדיר. — פּאָנימייעטע? — רעדט ער מעשה־רוס — מיט יחיאלן אָנהייבן! פערציק יאָר שוין ווי אַ סאָלדאַט אויף מיין איצטיקן פּאָסטן, איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט אַזעלכעס פערציק יאָר זיין קראַנקנוועכטער? נישט מיך — ביי די ווערטער האָט ער זיך מיט דער פויסט אַ זעץ געטון אין ברוסט־קאַסטן — נישט מיט יחיאלן וועלן די שדים, די כּת־דלי אָפּשרעקן, אָ, ניין, — האָט ער מיטן פינגער געשאָקלט אינדערברייט — זיי האָבן פון מיר באַקומען דאָס זייעריקע און — היידאַ! נישטאָ זיי לעולם־ועד...

ער האָט זיך פּאַמעלעך צוריקגעזעצט אויפן שטול און מיט מער ערנסט גענומען ווייטער דערציילן.

— יאָ, ווו האַלט איך? הם — — — דעמאָלט נישט היינט געדאַכט, זיץ איך מיר אַזוי אין מתים־שטיבל און היט עטלעכע טויט פריש געשטאָרבענע, צווישן זיי איינעם אַ ישיבה־בחור, אַ ווויל־לערנער, און עפּעס אַ כּלה־מיידל אַ וויכאָוואַנקע געווען ביי ר' זלמן טרייביטשער. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווי מיר דוכט זיך האָב איך אַביסל אונטערגעדרעמלט. שיקט זיך צו זאָגן אַז גאַנצע טעג ווי נעכט מאַכט מען נישט צו קיין אויג, זאָל מען נישט צומאָל אויף אַ מינוטקעלע איינדרימלען? פּלוצים, אָהאָ! דוכט זיך מיר אין שלאָף, אַז עס רודערט זיך עפּעס. איך רייב מיר אויס די אויגן, דריי מיך אויס ביים שיין פון לעמפּעלע באַמערק איך, ווי ס'וואָלט זיך דאָרט צווישן די מתים גערירט

עפעס. איך קוק זיך גוט צו, יאָ אויף אַן אמת, דעם ישיבה־בחורס האַנט הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ ווידער.

אזוי גאָר — טראַכט איך מיר — ח ב ר ה וויל טרייבן מיט מיר קאַטאָוועס?

איך גיי צו צום בחור און בעט אים מחילה — דערהייבט זיך בײַ אים די קני. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שפּיצל פון א שד. אַ „יענעק" ער מיינט מיך אָפּצושרעקן, נישט לאַנג געטראַכט נעם איך אים ווייזן ווער יחיאל דער רויטער איז...

איך האָב דעם בחור נאָכאַמאָל מחילה געבעטן. און צו אים אַזוי געזאָגט:

— באַם דאָס קאַטאָוועס טרייבן הערט נישט אויף, טאָ זאָל ער מיר מוחל זיין איך מיין נישט אים נאָר דעם שד, דעם „נישטגוטן" איך וועל אים מיט כּוח אַוועקטרייבן.

וואָס מיינט איר איז געוואָרן? וואָס בין איך א שמעלקע? נישט געגעסן עפּעס קאַזיאָנע ברויט? נישט געטראָגן עפּעס קיין ניקאָלאַיעווסקי שינעל? אוי ניקאָלאַי, ניקאָלאַי! אַ שאָד דו לעבסט נישט, איך וואָלט נאָך איצט, ווי איר זעט מיך א יוד, גענומען אַ ביקס אין האַנט און געגאַנגען מלחמה האַלטן פאַר אים, געווען שוין אַמאָל אַ צאַר, האָ, האָ! באַלשע ניע בודיעט. — מיין דער־ציילער האָט ביי די לעצטע ווערטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אינ־דערברייט — יאָ, יאָ, אַ שאָד באמת...

נאָר לאָמיר לאָזן ניקאָלאַיען, לאָמיר אייך בעסער דער־ציילן — קערט ער זיך אַליין צוריק צו זיין ספּור־המעשה ווי אַן אָפּגעפּרישטער נאָך אַ מידקייט.

— איר זעט דאָ אָט דעם סענקעוואַטן שטעקן? — האָט ער מיט זיין רעכטער האַנט אויפגעהויבן פאַר מיינע אויגן דעם דיקן שטעקן זיינעם אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעלעגנט ביים רעדן— איר זעט אָט די כּלי? — שאָקלט ער דעם שטעקן מיר פאַרן פּנים, בשעת די אויגן זיינע שפּריצן מיט כּעס. ווי עמיצן צו שלאָגן און טריומפירט, — מיט אָט דער כּלי ווי איר זעט האָב איך אים דעם שד פאַרטריבן...

— און שוין? — איר מיינט, אַז שוין פּטור און גאָרנישט? — כּעסט זיך ר׳ יחיאל, אַזש זיין פּנים דאָס צעפלאַמטע פאַרייטלט זיך נאָכמער — ניין, חבריה פּרוווט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. איך זעץ מיך אַנידער אָפּרוען פון מיין שטיקל אַרבעט. איך גיב אַ נעם פון פלעשל, וואָס איך פיר שטענדיק מיט זיך — ער טאַפּט דערביי אָן אין ראָק-טאַש און קלאַפּט מיט די פינגער אויפן אַרויסשטעקנדיקן שטיקל קאָרק, דאָרטן, מיט אַ ווייכער צערטלעכקייט, ווי אויף אַ קינדער-קעפל בעת מען דער-ציילט פון אים אַ נחתדיקע זאַך — אַ פּאָר שלוק געגעבן, כּדי זיך צו שטאַרקן נישט צוצולאָזן צו זיך קיין פּחד.

האַלאָ! חבריה שדים באַווייזן ווידער זייערע קונצשטיק. וואָס איז ווייטער? אויפן צווייטן טיש ליגט דאָס אַהערגעבראַכ-טע כּלה-מיידל פון פאַרנאַכט, געשטאָרבן פון כאָלערע. חבריה שדים דרייען איר דעם קאָפּ. אַהין, אַהער, אַרויף, אַראָפּ. איך קוק מיך צו, באַטראַכט דעם ספּעקטאַקל, זי דרייט נאָך אַלץ מיטן קאָפּ. דאָס הייסט חבריה שרעקן מיך מיט איר קאָפּ-שאָקלען. אוי-וויי! זיי מיינען אַז יחיאל וועט נעמען די פיס איבער די פּליי-צעס און מאַכן פּליטה. וואָס זיי זענען טאַקע אויסן, כּדי אָנצו-פירן דעם שדים-טאַנץ מיט די מתים...

מנא!—זאָג איך מיר, איך מאַך מיר קוראַזש: צייט זיי צו ווייזן ווער איך בין! שטעל מיך האַסטיק אויף—ווייזט ער מיר זיין בריהשקייט — גיי צו צום טויטן מיידל, בעט זי מחילה, שאָקלט זי אָבער מיטן קאָפּ נאָכאַמאָל.

— איך בעט דיך כּלה-מיידל — זאָג איך שוין מיט כּעס—מיך וועט קיינער נישט אָפּשרעקן, און אַ סוף זאָל עס נעמען!

איך זע שוין אָבער, אַז די יעניקעס ווילן נישט אָפּטרעטן און נעמען באַוועגן גאָר מיטן גאַנצן טויטן גוף, זאָג איך ווייטער:

— זיי מיר מוחל, נישט דיר מיין איך, נאָר די יעניקעס. איר הערט!?—שרייט זיך דער אַלטער פאַנאַנדער שוין מיט זיין היי-זעריקן פאַרדעמפּטן קול.

דאָסמאָל האָט מיין שטעקן די חבריה פאַריאָגט, אָבער שוין אײַנגאַנצן, מיט אַ קרעכצן וואָס מיינע אייגענע אויערן האָבן פאַר-

נומען, גאָרנישט ענלעך צו אַ מענטשלעכן קול האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן.

געווען שוין נאָך צוועלף, מער קיין שליטה האָבן זיי נישט נאָך דער שעה. איר פֿאַרשטייט?

איר מיינט אפשר, אַז איך האָב שוין די גאַנצע נאַכט אַן אויג צוגעמאַכט? אסור! הגם שוין נאָך זייער שליטה, אָבער טרעפֿן טרעפֿט אַמאָל, אַז אפילו נאָך זייער צייט טוען זיי אָפּט מעשים אשר לא יעשו. וואָס שדים נישט-גוטע קאָנען? פֿרעגט גאָרנישט...

— זאָגט מיר ר׳ יחיאל — האָב איך אים איבערגעפֿרעגט — איר האָט מיט אייער שטעקן, זאָגט איר אָנגעלערנט די יעניקעס, הייסט עס, איר האָט מיטן שטעקן אייערן געשלאָגן די קערפּערס פֿונם בחור און מיידל, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז יענע זענען געקומען צו זיך און מיט אייער שטעקן האָט איר גאָר זיי, נישט די שדים פֿאַרטיק געמאַכט?

דער קראַנקנוועכטער האָט אויפֿגעהויבן אויף מיר א פּאָר משוגעדיקע אויגן, מיך אָפּגעמאָסטן מיט א ביטול און מיט א איראָניש געלעכטערל בײַ וועלכן זיין אונטערשטע גראָב-נאָכהענגענדיקע ליפּ האָט זיך נאָכמער אָפּגעטיילט פֿון מויל.

— נעמט מיר נישט פֿאַריבל — האט ער אַ זאָג געטון — איר זייט נאָך אַ שניעק, אַ יונגערמאַנטשיק און ווילט מיך לערנען? — און געקלאַפּט זיך מיט דער פויסט אויפֿן ברוסטקאַסטן — מיך לערנען? האָ, האָ! איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַ וועלט. דאָס איז בײַ מיר נישט געווען דאָס ערשטע מאָל. אַז מ׳זאָגט טויט, לעבט מען נישט מער, איז טאַקע טויט; אַז מ׳זאָגט געשטאָרבן, טאָ ליג! חברה-קדישה זאָגט: טויט, איז פּטור. אַז מען לייגט א פּעדער פֿאַר דער נאָז איז גענוג! מכּוח שדים מוזט איר בײַ מיר פֿרעגן. אָט הערט אַ מעשה:

ר׳ יחיאל דער רויטער, האט זיך אָפּגערוט אַביסל, גענומען פֿון מיר אַ פּאַפּיראָס, אָנגערייכערט, אַראָפּגעלאָזן דעם רויך איבער די גראָבע נאכהענגענדיקע ליפּ. געגלעט זיך זיין רויטלעכע באָרד, ווי זיך צו דערמאָנען אָן עפּעס. דעם קאָפּ אַ-

ראָפּגעהאָנגען, גראָד ווי די גראָבע ליפּ וואָלט אים באַשווערט און נאָכשלעפּנדיק זיך נאָכגעצויגן נאָך איר. די נישט אויסגעשלאָפענע אויגן זיינע מיט אַ נעץ רויטע אָדערלעך און געלע בערגלעך האָבן זיך פאַמעלעך צו מיר אויפגעהויבן און מיר אַריינגעקוקט אין פּנים, ווי זיי וואָלטן מיך נישט געזען.

— צו יענער צייט טאַקע — האָט ער אָנגעהויבן ווייטער דערציילן מיט אַ שטילערן און ערנסטערן טאָן — ווען די כאָלערע נישט היינט געדאַכט האָט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן, אַז ס'איז פּשוט נישט געווען קיין צייט און קיין הענט גענוג, מתעסק צו זיין זיך מיט אַלע געשטאָרבענע. געווען שוין דעמאָלט אַביסל אַ פּרנסה-צייט פאַר אונדז, לא עליכם, איך בין מיך אַזוי מתעסק אין טהרה-שטיבל אויפן בית-החיים. פּלוצים קומט אַרויסצולויפן צו מיר מיינס אַ קליין מיידעלע:

— טאַטעשי — זאָגט זי — קום נאָר געשווינט אַהיים, אַ פּריצטע וואַרט אויף דיר, איך האָב זי אַליין געלאָזט און געלאָפן נאָך דיר.

— גיי — שטויס איך זי אָפּ פון מיר — גיי אַ היים געשווינט און דריי מיר קיין ספּאָדעק נישט. איצט איז נישטאָ קיין צייט צו פּריצטעס!

מיין קליינע שטייט און קראַצט זיך אין קאָפּ, נישט ווייסנדיק וואָס צו מאַכן.

אינדעם קומט אַריין צו מיר פון דרויסן דער הויקער, פון אַלטן קלויסטער דער משרת, אַזש אַהער אויפן בית-החיים מיך אויפגעזוכט.

— קומט יחיאל — זאָגט ער מיט אַ קורצן אָטעם, קוים וואָס ער רעדט — קומט געשווינטער, פּאַניע יחיאל, אַ שטיקל אַרבעט פאַר אייך מיט אַ שיין פאַרדינסטל.

— איר, וואָס האָט איר צו מיר? — פרעג איך אים — איר זעט דאָך, איך בין דאָ באַשעפטיקט?

— פּאַני יחיאל — רעדט דאָס הייקערל דענערווירט — צו אונדז איז געקומען אַ יידישע פרוי צו אירס אַ טאָכטער, קראַנק געוואָרן און האַלט ביים שטאַרבן. געשווינט איך בעט

אייך. זי די קראַנקע, ווינטשט, אַז איר זאָלט אַהינקומען. קומט קומט — נעמט מיך דער הויקער פאַרן אַרבל, איך זאָל מיט אים מיטגיין.

איך האָב מיך, פאַרשטייט זיך, גוט אָפּגעפּייזערט אויף אים און געוואָלט אים מכבד זיין אין הוֹקער אַריין, ווי ער איז ווערט...

אָבער מיין קליינע רופט זיך צו מיר אָפּ:

— טאַטעשי, אָט דער דאָ איז דאָך געקומען מיט די פּריצטע.

בקיצור, איך האָב מיין מלאכה־דאָ אויפן בית־החיים אי־בערגעגעבן מיין פריינט ר׳ רפאלן, אויך א קראַנקנוועכטער, און בין מיטגעגאַנגען מיטן הייקערל. דאָך עפּעס אַ יידיש־קינד, האַלט ביים שטאַרבן! נישט קיין קלייניקייט...

דורכן טירל וואָס פירט אַריין צום קלויסטער־גאָרטן, צום פעלד־צו, האָט מיך דאָס הייקערל אַריינגעפירט און געלאָזט מיך דאָרט אַ ווײַלע שטיין. אַליין איז ער אַריין אינם קליינעם ווייסן הייזל וואָס די פענצטער גייען אַרויס אין גאָרטן. און באַלד איז צו מיר אַרויסגעקומען אַ „שוועסטער" און מיך אַריינ־גערופן.

שטיל האָט זיך פון קאָרידאָר געעפנט א טיר דורך וו איך בין אַריין אין אַ ציכטיק ווייס געמאָלט צימערל, פול מיט בלו־מענטעפּ מיט טייערע שמעקעדיקע בלומען, אַ פאָרטישל און אַ שרייבטיש.

— איך גיב אייך איבער, פאַני יחיאל, אַ יידישע פרוי וועל־כע האַלט ביים שטאַרבן. זי איז געקומען צו גאַסט צו אַ באַ־קאַנטער און דאָ קראַנק געוואָרן. פאַר אייער מי באַקומט איר באַצאָלט, נאָר זעט, מאַכט אַלץ ווי געהעריק לויט אייער פאָר־שריפט... — האָט זיך די „שוועסטער" צו מיר אָפּגערופן, מיר געמאַכט מיטן קאָפּ אַ צייכן מיטצוגיין מיט איר.

דורך אַ לאַנגן געדרייטן קאָרידאָר, האָט זי מיך פאַר־בייגעפירט, זי פאָרויס, שטיל. קוים מען האָטפאַרנומען אירע טריט. דאַן קוּוער־אויס, ווידער אַ קאָרידאָר, אַ טרעפּל

אַרויף. אַ טרעפּל אַראָפּ. און זייטיק אַזוי דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר, האָט זי מיך צוגערופן צו אַ טיר, מיר אָנגעוויזן אַריינצוגיין דאָרטן, אַליין איז זי געבליבן דרויסן.

אינם האַלב-טונקעלן צימער, איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל מיט אַ קאַנאַפּע. עטלעכע שטולן מיט אַ טישל ביים וואַנט אויפן בעטל מיט ריין-ווייסע קישנס און קאָלדרע איז געלעגן אַן עלטערע קראַנקע פרוי, ביי וועלכע ס'איז געשטאַנען אַ יונגע „שוועסטער" מיט פאַרוויינטע אויגן.

דערזעענדיק מיך, האָט זי מיך אָוועקגערופן צום פענצטער ווייט פון בעטל וווּ די קראַנקע איז געלעגן, און מיר שטיל איינגערוימט:

— איך בעט אייך, מיט דער קראַנקער, אָט דאָ זיך באַגיין לויט אייער געזעץ. ווי דער דאָקטאָר זאָגט, זענען אירע שעהן געציילטע אויף איבער נאַכט מוזט איר דאָ בלייבן, פאַר אַלעם קריגט איר באַצאָלט.

זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף די פלעשעלעך מעדעצינעץ, וואָס און ווען צו געבן דער קראַנקער און טרויעריק ווייטער גערעדט:

— ווען איך וועל אייך נייטיק זיין, טאָ דריקט דאָ אָט אויף דער וואַנט אויפן קנעפּל, קום איך באַלד אַריין. זאָל איך אייך באַזאָרגן אפשר עפּעס עסן?

איך האָב געבעטן אַביסל שנאַפּס און עס טאַקע באַלד באַקומען אַריינגעשיקט אַ פולע פלאַש מיט אַזאַ מין קימל געמישט, דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ משקה!

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַזש באַלעקט, דערמאַנענדיק זיך אָן יענער משקה.

— אַ פּאָר מינוט נאָך מיין אַריינקומען — ציט ער ווייטער — האָט די קראַנקע קוים געעפנט אירע בלוט-בלויע אויגן, פון וווּ עס האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער צער... זי איז נאָך נישט געווען אַזוי אַלט, קוים אפשר אַ זעכציקערן, אָבער אַזוי אויסגעצערט און אויסגעמאָגערט און גרוי ווי אַ שטיק אַלט פּאַרמעט. דערזעענדיק מיך, האָט זי אירע דאַרע אויסגעטריקנטע הענט מיר

אַקעגנגעשטרעקט, מיט אַ מין קרענקלעכע פרייד אין פּנים, ווי אַ קראַנק קינד, ווען עס דערזעט עפּעס אַ פריילעך שפּילצייג.

איך בין געשטער צוגעגאַנגען, אירע קאַלטע הענט האָבן מיך באַרירט אין אַ פּאָר מינוט האָבן אירע דינע ציטערדיקע ליפּן זיך באַוויגן, ווי צום רעדן, אָבער קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אַ שעה שפּעטער האָב איך איר געגעבן די אָנגעווייזענע מעדיצין צו טרינקען. זי האָט אַביסל לייכטער אָפּגעאָטעמט און שוואַך, שטיל קוים וואָס איך האָב דערהערט געזאָגט:

— אַ יוד, גאָט זיי דאַנק, וואָס כּוח מען נישט פאַר אַ קינד, וואָס מ׳האָט ליב?

דאַן שוואַכער שוין:

— שלעכט — — אויסגעגאַנגען — — גאָט — — מוחל — — — זאָ — — גן — — ודוי — — באַ—גראָ—בן — — בית-עולם ——.

אירע ליפּן האָבן זיך באַוויגן, ווי זי וואָלט מיטגעזאָגט מיט מיר די ודוי.

איך האָב נאָך צייט געהאַט איבער איר צו זאָגן און זי האָט אָפּגעגעבן גאָט זיין פּקדון...

איך האָב אַ דרוק געטון אויפן קנאָפּ ביים וואַנט, די „שוועסטער" פון פריער איז אַריינגעקומען, דערזען אויפן בעט די טויטע און זיך צעשלוכצט הייס און שטיל אינם וייסן טאַשנטיכל אַריין.

באַלד איז זי אַרויס און אַריינגעבראַכט אַ שוואַרץ טוך, מיט וועלכן איך האָב דעם מת צוגעדעקט און געשיקט רופן מיין שותף רפאלן.

פאַרן געלט וואָס מיר האָבן באַקומען אויף צורך-הקבורה, האָבן מיר באַשטעלט אַלץ וואָס מען באַדאַרף און צומאָרגנס געבראַכט זי צו קבר-ישראל.

מיר האָבן זי אָפּגעהויבן, אַוועקגעשטעלט צו קאָפּנס צוויי ברענענדיקע ליכט און איך אַליין בין געבליבן אַלס שומר היטן דעם מת איבערנאַכט.

די נאַכט איז אָנגעקומען זייער אַ פינצטערע און אגב בין איך געווען אַ שיין ביסל מיד. שוין נישט געהאַט גע-

שלאָפן אַ שפּאָר ביסל נעכט, איך האָב פאַרזוכט אַביסל פון קימל־בראָנפן און זיצנדיק אַזוי ביים פענצטער, בין איך איינגעדרימלט אין אַ הארטן שלאָף. ווי לאַנג איך האָב אַזוי געדרימלט, ווייס איך אַליין נישט. אַז איך האָב די אויגן געעפנט, איז אודאי געווען צוועלף און אפשר שפּעטער... איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף דער ערד, — די בחורטע איז נישטאָ.

אַ ביטער עסק — טראַכט איך מיר — די באַקאַנטע מעשה הייבט זיך ערשט אָן. חברה „יעניקעס"...

— הע, הע! — זאָג איך הויך — נישט געטראָפן ס'אָרט! איך הייס דאָך עפּעס יחיאל דער רויטער.

כ'רייב מיר אויס גוט די אויגן. גיב אַ קוק — זיי האָבן זי איבערגעטראָגן; זי ליגט אין בעט.

אַ מעשה־לצים מיר אָפּגעטון, די יעניקעס, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן. אַרויפגעלייגט דעם טויטן אויפן בעט, איבערגעלייגט איר די הענט אויף דער ברוסט, גלייך ווי זי וואָלט געשלאָפן.

— איך מיינט אפשר — קוקט מיר אָן דער דערציילער מיט אַ שפּאָר ביסל גאווה — אַז איך האָב מיך פאַרלוירן? אָדער גאָר דערשראָקן? נישט יחיאל דער רויטער האָט פחד פאַר די חברה. אַראָפּגעזופּט אַביסל פון פלעשל מיטן קימל־בראָנפן אויף קוראַזש און אַליין זיך גענומען אַראָפּלייגן דעם מת צוריק אויף דער ערד, צוגעדעקט אים, צוריקגעשטעלט די ליכט צוקאָפּנס און פּטור.

זיי אָבער, די חברה, האָבן נישט אָפּגעלאָזט.

אין אַ שעה, צוויי שפּעטער, איך עפן די אויגן — די בחורטע ליגט שוין ווידער אין בעט אינדערוועלבער פּויזע ווי פריער.

איך בין נישט פויל און לייג זי ווידער צורעכט אויף דער ערד.

ווי מיר דוכט זיך, האָט זיך דאָס איבערגעחזרט ביי נאַכט דריי מאָל, צי אפשר גאָר פיר מאָל.

— ר' יחיאל — פרווו איך אָפּווענדן מיין דערציילער —

אפשר האָבן דאָס שטיקל אַרבעט אָפּגעטון נישט די שדים, ווי איר מיינט, נאָר דוקא די דאָרטיקע פון קלויסטער, ווייל ביי זיי דאָרטן הייסט אַ בזיון-המת, ווען מ׳לייגט אים אַוועק אויף דער ערד?

דער קראַנקנוועכטער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיין בייזן בליק:

– וואָס, וואָס? — האָט ער זיך צעבייזערט – וואָס מיינט איר, אַז די גלחים ווייסן נישט און קאָנען נישט אונדזערע דינים מער פון אייך!

איך האָב מיך אַביסל צעשמייכלט איבער די לעצטע באַמערקונג פונעם צעהיצטן אַלטיטשקן און דאָס האָט אים נאָכמער אַריינגעבראַכט אין עקסטאַז פון זיין דערציילונג און, מיט מער אייפער און זיכערקייט געזאָגט:

– אָט הערט בעסער דעם סוף, וועט איר מער נישט לאַכן. אַז איך זאָג אייך, בין איך מיך נישט טועה. אַז מען זאָגט אייך, אַז יעדער גלח מוז קאָנען לשון-קדוש. איך האָב עס אויך נישט געגלייבט, אָבער הערט, הערט.

דער קראַנקנוועכטער האָט זיך געריבןביידע הענט. ווי נאָך אַ גוט געשעפטל און מיט אַ ליכטיקער מינע ווייטער דערציילט:

– קוים איז טאָג געוואָרן, האָב איך אַלץ געשווינט באַזאָרגט, און מיט נאָך עטלעכע באַקאַנטע איבערגעטראָגן פון קלויסטער, דעם מת צו דער עגלה, וואָס האָט געוואַרט אויף יענער זייט איבערן פעלד, און אַוועק מיט איר אויפן בית-החיים ווו מ׳האָט איר רעכט און קובר געווען.

נאָך דער עגלה איז אַ חוץ אונדזערע פּאָר מענטשן קיינער נישט נאָכגעגאַנגען. די יונגע „שוועסטער” האָט אונדז באַגלייט בלויז ביז פירן טויער פון קלויסטער און מיך מיט אויסגעוויינטע אויגן געבעטן, נאָך דער קבורה זיך צו זען מיט איר. —

ווען איך בין נאָכמיטאָג געקומען אין קלויסטער אַריין האָט מיך אָנשטאָט איר אָפּגעוואַרט אַ יונגער שיינער גלח. מיר

באַצאָלט פאַר מיין טרחה, הלואי יעדן טאָג געזאָגט גע־וואָרן ביי בעסערע אומשטענדן. און באַזונדערס מיר דערלאַנג פּינפּאָונצוואַנציק רובל, זאָגנדיק דערביי:

— דאָס געלט איז אויף אַ מצבה.

דאָס וואָרט „מצבה" האָט ער אַרויסגערעדט אויף יידיש, גראָד ווי איך און ווי איר, אגב, אַרויסגענומען אַ בלאַט פּאַפּיר פון טאַש, מיר עס איבערגעגעבן און דערביי באַמערקט אויף יידיש:

— דאָס איז דער נוסח פון דער מצבה, דער נאָמען און טאָג ווען זי איז געשטאָרבן. פּונקט ווי דאָ איז אָנגעשריבן, זאָל עס זיין באַצייכנט אויף דער מצבה.

אַ כּתב איז עס געווען, ווי געדרוקט, זאָג איך אייך, פּערל־דיקע אותיות.

איך האָב דעם גלח אָנגעקוקט, באַוואונדערט: אַ קול, אַ מין לשון, גאָט געבענטשטער. צי רעדט אַזוי אַ גוי? ער אָבער איז באַלד אַוועק אין זיין צימער, און איך מיטן ביסל קלינגערס אין טאַש בין אַוועק מיין וועג — — —

— נו, וואָס זאָגט איר איצט — טריומפירט ר' יחיאל דער רויטער, און דאָס פּנים צעשיינט אים נאָכמער פאַרייטלט די רויטע אויגן מיט די אָנגעבלאָזענע געלע פּיקעלעך שמייכלען פאַנאַנדער — הא, קאָנען זיי שוין לשון־קודש? זיי קאָנען מסתמא אונדזערע דינים אויך. נו, האָבן זיי שוין דאָס שטיקל מיטן איבערטראָגן דעם מת אָפּגעטון, צו די שדים? הא?

דער קראַנקנוועכטער האָט ביי מיר געבעטן אַ פּאַפּיראָס, זיך געזעגנט און אַרויס פון שענק.

איך בין לאַנג געבליבן זיצן ביי מיין טישל, אַ סך, אַסך נאָכגעקלערט און געשוויגן...

## די אָל־עאַנדערס

א פּרעכטיקער מאַיאָווע־טאָג באַלד אינדערפרי. אַ זון אַ פריִ־שע אַ הייטערע, ווי ערשט פון באָד, פאַרשפּרייט פאַר־שווענדעריש אירע מילדע, בלענדיקע גאָלדשטראַלן און, שיט זיי אויף אַלע זייטן.

די בריליאַנטענע טוי־פּערעלעך דערקלערן זיך אין ליבע און לאָזן זיך פון די שטראַלן קושן און איינזייגן, אַפילו די פאַרשפּעטיקטע טוי־טראָפּעלעך, וואָס זענען געבליבן אין קילן שלאָף הינטער אַ שאָטיק בלעטל ביז אין טאָג אַריין, פאַרשווינדן אין די שטראַל־אָרעמס פון דער מאַיעסטעטישער זון.

דער הימל, איינגעהילט אין אַ העל־בלוי זיידענעם נעגליזש־מאַנטל אָן אַ פאַלד און פלעק, שיטלט אַראָפּ פון זיך אַ דער־פרישונגס פּערפום, אַ ליכט־שטויב, אַזש ביז נאָענט אויף דער ערד.

איך באַגיס די בלומענטעפּלעך אויף מיין באַלקאָן, וואָס איך האַלט שטענדיק הינטער מיין השגחה. איך בין זייער אייגי־ציקער שומר און באַאַבאָכטער און האָב אָן זיי נאָך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. יעדעס בלימעלע און בלעטעל פון זיי האָט פאַר מיר אַ באַזונדער אינטערעס און אַ באַזונדער צערטלעכקייט... איך פלעג זיי, היט זיי אָפּ און הער מיך צו כמעט ווי זיי וואַקסען, אַנטוויקלען זיך און שטייגן אינדערהייך.

די קנאָספּעלעך זייערע שפּיצן זיך אַרויף, רייטלען זיך און קריכן פּאַמעלעך אַרויס מיט זייערע בונט־געפאַלדעוועטע

קליידלעך אין גאָטס־וועלטל אַריין. הייבן אויף זייערע קעפּע־לעך צו די זון־שטראַלן און צעעפענען די ליפּעלעך רויט ווי געקושט צו ווערן און געצערטלט. חנדלענדיק זיך מיט פּאַרפומיר־טע, אויסגעשמינקטע גלידער ווי געקעכלטע גראַציעזע מיידלעך.

פלעגן מיינע בלומען, איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע אַרבעט. געטון האָב איך עס מיט אַ באַזונדער כוונה, ווי אַ כהן זיין עבודה. מיין באַלקאָן אויפן ערשטן שטאָק אין דער הויפּטגאַס אַרויס האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַרבייגייער דורך די בלומען־דעקאָראַציע.

אָפּטוענדיק מיין מלאכה ביי די בלומען האָב איך געוואָלט אַרויפגיין צו א שכן, וואָס וווינט מיט אַ שטאָק העכער איבער מיר. אין קאָרידאָר פאַר מיין טיר, וווּ ס'איז נישט איבריק העל געווען, האָב איך פאַרנומען מענטשלעכע טריט און ווי עמיץ טאַפּט און זוכט אַ טיר.

— ווער איז? וועמען זוכט אי ר? — האָב איך אַ פרעג געטון.

— ווו וווינט דאָ דער הער ס.? — ווענדט זיך צו מיר אַן אַלטע שטים.

— איך בי'ן עס.

— זייט אזוי גוט, קומט באַלד צו גיין אין קלויסטער אַריין, אַ מענטש וויל זיך מיט אייך זען.

— מיט מיר? אין קלויסטער? ווער אייגענטלעך?

איך האָב צוריק געעפנט די טיר, כדי צו זען ווער עס רעדט מיט מיר.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קליינינקער, אַלטיטשקער ערל מיט אַ שפּאָר הייקערל פון פאָרנט און אויף דער פּלייצע, און געסאָפּעט מיט אַ שווערן אָטעם, ווי אַ אַסטמאַ־קראַנקער.

— יאָ, מיט אייך וויל זיך דאָרט עמיץ זען. דאָרט וועט איר שוין זען, ווער עס איז. איך האָב אייך מער נישט, וואָס צו זאָגן. איר קומט באַלד!

איך האָב מסכים געווען באַלד אַהינצוגיין, געהייסן דאָס הייקערל גיין פאָרויס, און אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך

שוין געשטאַנען אויף דער גאַס, אָפּוואַרטנדיק ביז דאָס הייקערל וועט זיך א ביסל דערווייטערן, איך זאָל קאָנען פונדערווייטנס נאָכגיין.

געגאַנגען איז ער מיט דראָבנע, קליינע טריטלעך און פּאַמעלעך, ווי אַ קליין קינד. זיין קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף אַ שמאָלן, דינעם האַלדז, האָט אויסגעזען ווי אַן אַרבוז אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטעקעלע און זיך געשאָקלט ביי אים אינם גאַנג אַהין און אַהער, ווי אָט-אָט, פאַלט עס אראָפּ און קייקלט זיך אַריין אין ראָוו...

איך בין אים נאָכגעגאַנגען פון ווייטנס פּאַמעלעך טריט ביי טריט און זיך געלאַנגווייליקט איבערדריסיק און קוים זיך דערוואַרט נעענטער צוצוקומען צום קלויסטער-גאָרטן, צום פעלד צו, ווו דער וועג פירט צום יודישן בית-עלמן:

עמיץ וויל מיך זען אין קלויסטער!

אין קאָפּ ביי מיר איז אַ גאַנצער לאַבאָראַטאָריום פון געדאַנקען געשאַפן געוואָרן.

איך און דער קלויסטער! ווער קען מיך דאָרט און ווען מען קען איך?

די אַלע לעגענדן, וועלכע איך האָב אין מיינע קינדעריאָרן און שפּעטער זיך אָנגעהערט, האָבן זיך איצט אין מיין מוח צוזאַמענגענומען, געשפּינען און געוועבט גאַנצע מחנות פאַנטאַסטישע בילדער.

גייענדיק אַזוי פּאַמעלעך נאָך די דראָבנע טריטלעך פון דעם הייקערל, האָב איך גענוג צייט געהאַט זיך צו פאַרטראַכטן איבערן איבעראַשנדיקן נייעס, וואָס מיך דערוואַרט באַלד. איך אַליין וועל באַלד האָבן די מעגלעכקייט אפשר איבערצולעבן א סיורפּריז, אַן אַטראַקציע צווישן די געהיימניספולע מויערן פונם אַלטן קלויסטער, מיט אייגענע אויגן זעען און איינשפּיזן מיין בליק אין דעם אייביק-סודותדיקן לאַבירינט און זיינע לעגענדאַרישע מענטשן דאָרט...

געפּיקט האָט אָבער ביי מיר אינם מוח דאָס ספקותדיקע

רעטעניש: ווער קאָן מיך דאָרט רופן? ווען קאָן איך דאָרט בייטיק זיין?

איך בין שטיין געבליבן פאַר אַן אייזערנעם באַגיטערטן צוים אַרום קלויסטער-גאָרטן, ווו דאָס הייקערל האָט געוואַרט אויף מיר.

ער האט אייפגעשלאָסן אַ טיר פון אייזערנע קראַטן, מיך אַריינגעלאָזן אין גאָרטן, די טיר היטער מיר פאַרשלאָסן, און אַליין אַוועק אינם ווייסן הייזל אַקעגן, גאָענט ביים אַריינגאַנג.

פון ביידע זייטן זענען געדיכט ביינאַנדער געשטאַנען צוויי רייען אָלעאַנדערס איינגעוואָרצלט אין הילצערנע גרינע שעפלעך אַרומגענומען מיט אייזערנע רייפן, פאַרזען אויבן מיט אייזערנע האַנטגריפן פון ביידע זייטן. קענטיק, אַ געניטע האַנט גייט מיט זיי אום און זאָרגט און פלעגט זיי. נישט איין איבעריק צווייגל אָדער בלעטל קריכט אַרויס פון דער סימעטרישער ליניע, אַלע זעען זיי אויס ווי געהאַקט, ווי פון שטיין אויסגעסקולפּטירט. אַ קרוין פון ראָזע, ווייסע בלומען באַדעקן זיי די קעפּ, ווי זיי וואָלטן געווען באַזעצט פון ליטער רויזן צווישן וועלכע עס קוקן טיילווייז אַרויס גרינע, גלאַנציקע, שטייפע און שמאָלע בלעטער. אַזעלכע ריזיקע אָלעאַנדערס מיט אַזאַ הייך און שיינקייט, וואָס טורעמען איבער זיך ווי אַן ערן-טויער, האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען.

אַ גאַנצע בלומען-אַלייע. אַלץ שמעקט דאָ אַזוי פריש און פייכט. אַהינצו טיפער אין גאָרטן אַריין, שלענגלט זיך אַ שטעג אויסגעפלאַסטערט מיט קליינע פאַרשידנפאַרביקע שטיינדלעך, פון ביידע זייטן באַזעצט מיט בלומענטעפּ פון פאַרשידענע פאַלמען און זעלטענע פלאַנצן. אַלץ טונקט זיך דאָ אין בלומען, און אַ ים פון פאַרשידנפאַרביקן בלעטערוואַרג.

מיין בליק האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן פון דעם פּראַכט אַרום! די גיגאַנטישע רויזנפולע אָלעאַנדערס מיט די פּרעכטיקע פאַרשידענע בלומען און רויזן דערנעבן האָבן פאַרנומען אַלע מיינע חושים, איך האָב נישט פאַרנומען ווי אַ טיר האָט זיך געעפנט און זיך ווידער צוגעמאַכט.

פּלוצים האָב איך דערפילט אַ ציפּ פאַרן אַרבל.

דאָס הייקערל איז אויסגעוואַקסן ווי פון הינטער דער ערד און מיר אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַהין צו דער טיר פון ווייסן הייזל.

— גייט אַהין אַריין — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ פרום פּנים — די שוועסטער דאָרט וויל מיט אייך רעדן.

אַליין איז ער אַוועק אין אַ זייטיק ווענל מיט אַ שפּאָדל אין דער האַנט.

איך האָב מיך דערנענטערט צו דער באַרמהאַרציקער שוועסטער, וואָס איז ווירקלעך געשטאַנען אויף דער שוועל ביים פאַרטער-הייזל. איך האָב זי העפלעך באַגריסט און זי האָט אָפּגעענטפערט בלויז מיט אַ לייכטער קוים באַמערקלעכער קאָפּ-באַוועגונג. דער שטייפער ברייטער ראַנד פון דער ווייסער ברייטער הויב, וואָס זי האָט אויף איר אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ געטראָגן, האָט איר פּנים אינגאַנצן פאַרשטעלט און מיר איז אויסגעקומען, צוליב איר נידעריקן וווּקס, קוים צו באַטראַכטן אַ טייל פון איר אונטערשטער גאָמבע, אַ טייל פון זייער אַן איידל פּנים.

זי האָט מיך אָנגערופן מיטן נאָמען און געזאָגט:

— איר זייט דאָך אַ פריינט פון פלאַנצן און בלומען, דאָס ווייס איך. איך האָב עס באַמערקט. איך פאַרשטיי אַז איר ווערט געוויס וויסן ווי געהעריק אומצוגיין און באַהאַנדלען אויך די אָלעאַנדערס, וועלכע איך וויל איר זאָלט אייך דאָ אויסוויילן אַ צוויי דריי און זיי שטעלן אויף אייער באַלקאָן.

— איך זאָל קויפן אָלעאַנדערס מיינט איר? — האָב איך אירע ווערטער דערגענצט, כּדי קלאָרער זי צו פאַרשטיין וואָס זי מיינט.

— דאָס האָב איך ניט געזאָגט — האָט זי קורץ געענטפערט און איר שטים האָט געקלונגען ווייך און צאַרט, מעלאָדיש און פאַרטרויענדיק זיך.

זי האָט איר פּנים וואָס איז געווען די גאַנצע צייט בעתן רעדן מיט מיר פאַרשאָטנט הינטערן הויב-ראַנד אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט.

— איר קאָנט זיך אויסוויילן פון די אָלעאַנדרעס וואָס איר זעט דאָ, וועלכע נאָר אייך געפעלן — זאָגט זי ווייטער — און אָט דעם דאָ — ווייזט זי מיט איר האַנט אויף דעם מיטלסטן גרעסטן און שענסטן אָלעאַנדער וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט העל־ראָזע בלומען פון אַלע זייטן, אויפן שפּיץ אינדערהייך מיט א רויזנקרוין באַלאָדן — דעם דאָ נעמט אויך, איר קאָנט אייך צו אים צוקלייבן נאָך צוויי.

— אָבער שוועסטער, האָב איך איר געזאָגט — די אָלעאַנדערס געפעלן מיר זייער, איך וואָלט חשק געהאַט אַזעלכע צו האָבן, אָבער איך האָב נישט בדעה אַזויפיל געלט אויף אַזעלכע טייערע אָלעאַנדערס אויסצוגעבן.

— דאָס האָב איך גאָרנישט געמיינט. איך האָב אייך געהייסן אויסוויילן און זיי צונעמען.

— קאָן איך דען פאַרלאַנגען אומזיסט אַזעלכע טייערע ביימער, בפרט ווען זיי צירן דאָ אייער גאָרטן?

— דאָס איז מיין אייגנטום, פאַר מיין געלט געקויפט און איך קאָן זיי פאַרשענקען וועמען מיך גלוסט זיך, מעגן זיי צירן אייער באַלקאָן, איך שענק זיי אייך.

איך בין געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט: וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? איז דאָס א שפּאַס, א מין חוזק מאַכן, אָדער ליגט דאָ אַ ווייטיקע כוונה מיך אויסצופּרוּוון. זי האָט אפשר באַמערקט מיין אומזיכערקייט און אומאַנטשלאָסנקייט, באשר מיין קוקן אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף די ביימער האָבן קלאָר באַוויזן מיין אומבאַהאָלפנקייט און מיין צווייפל.

זי האט זיך אָבער באַלד ווידער אָפּגערופן און דאָס פנים נאָך אַלץ געהאַלטן אינדערזייט אַוועקגעדרייט, אַזוי, אַז די טיפע ברייטע הויב מיטן אַרויסגעשטאַרצטן ווייטן ראַנד האָבן אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם פּראָפיל נישט צו קאָנען זי באַטראַכטן, אָדער כאָטש אַ טייל פון אים אָנקוקן.

— איר קאָנט ווען איר ווילט געבן עפּעס וואָס איר געפינט פאַר פאַסיק פאַר די אָרעמע קראַנקע וועלכע געפינען זיך ביי

אונדז אין שפּיטאָל אויף קוראַציע, אָבער דאָס מאַכט נישט אויס, ווי קליין די סומע זאָל נישט זיין, אַלזאָ גוט?

— איך פאָלג אייך געערטע שוועסטער, אָבער... — האָב איך מיך אָפּגערופן און דירעקט מיט אַ כוונה געפּרוווט אָנפירן אַ לענגער געשפּרעך, כּדי אפשר אויף אַזאַ אופן פאַנאַנדערצוויקלען אַביסל דעם סודותדיקן שלייער וואָס האַלט אין זיינע פאַלדן פאַרבאָרגן אַזעלכע אומקלאָרע זאַכן. — עפּעס איז מיר אייער קול אַזוי נישט פרעמד. ווי איך וואָלט שוין דאָס אַמאָל געהערט.

ווי נישט הערנדיק מיינע רייד האָט זי אַראָפּבייגנדיק זיך צו די בלומען און גראָזן נאָענט ביי אירע פיס, ארומגענישטערט צווישן די בלעטלעך, אָפּגעפּליקט עטלעכע פאַרדאַרטע בלעטער, טרוקענע גרעזלעך, נישט אויפצוהייבן איר קאָפּ צו מיר און געפרעגט:

— האָט איר זיך שוין אויסגעזוכט וועלכע אָלעאַנדערס?

— זאָלן זיין די דאָ — האָב איך אָנגעוויזן אויף צוויי נישט באַדייטנדיקע אָלעאַנדערס, וואָס זענען גראָד געשטאַנען נאָענט ביי מיין זייט, מיטן מיין, אַז טאָמער וועל איך אָנווייזן אויף די גרויסע, גאָר שיינע ביימער וועל איך גאָרנישט דערגרייכן. זי איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט באַטראַכט די צוויי דורך מיר אָנגעוויזענע ביימער און ערנסט אַנטשלאָסן אַ זאָג געטון:

— דעם אָלעאַנדער דאָ, נעמט, איך הייס!

זי האט מיט איר האַנט אַהינגעוויזן אויף דעם גרויסן העכסטן מיטלסטן אָלעאַנדער אויף וועלכן זי האָט פריער שוין געהאַט אָנגעוויזן און אויף די אַקעגנאיבערדיקע צוויי נישט מינדערווערטיקע ענלעך אין זייער הייך ווי דער ערשטער.

איך האָב נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם הויכן מיטלסטן בוים, וואָס האָט געהאַט דעם געשטאַלט ווי אַ הויכע באַצירטע כאָינקע. פאַר דער געדיכטקייט פון די בליענדיקע בלומען און גרויס ווי די רויזן, האט מען קוים אַרויסגעזען די לאַנגע שטייפע אָלעאַנדער-בלעטער.

אויפן גאָר אונטערשטן צווייג נאָענט צום דיקלעכן שטאַם,

איז געווען ארומגעוויקלט א פאַרפּאַקונג — א שטיקל לייוונט אינדערגרויס ווי א מונשטיק פון א פּאַפּיראָס, באַשמירט און פאַרקלעבט מיט אַזאַ קלעבעכץ מיט וואָס גערטנער באַנוצן זיך בעת א צעבראָכענע צווייג ווערט קורירט, אָדער ביים מורכּב זיין זיך פון צוויי פרעמדע צווייגן צוליב באָטאַנישע סיבות. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער צווייג אָט־דאָ האָט באַקומען אַזאַ אָפּאַטרונעק.

איך האָב מסכּים געווען און געזאָגט:

— ביי מיר האָב איך אָבער קיין געלט נישט.

— א געשעפט, איר קאָנט פון דערהיים אויס מיט די דינער מיינע וואָס וועלן אייך די ביימער אָפּפירן צו שיקן וויפיל איר מיינט, אָדער ווען אפילו גאָרנישט, איבעריקנס מיר איז קיין חילוק נישט, נאָר אַז איר פאַרלאַנגט נישט בחנם די אָלעאַנדערס הגם איך וויל זיי אייך אַוועקשענקען...

איך האָב די גאַנצע נישט קלאָרע זאַך פאַר מיר באַטראַכט ווי א רעטעניש, אָדער גאָר פאַר א פאָרגעקומענעם טעות און ביזן אָפּשיקן מיר די ביימער בין איך געווען סקעפּטיש און נישט געגלייבט, אַז זי האט עס געמיינט אויף אַן אמת. איך האָב מיך כּסדר געחקרנט — היתכן? פאַרוואָס? וואָס קאָן דאָ מיין פערזאָן האָבן געמיינזאַמס מיט דער באַרמהאַרציקער שוועסטער, אָדער מיט אירע גיגאַנטישע אָלעאַנדער־ביימער?

די שוועסטער האט פּאַמעלעך אויסגעדרייט איר קאָפּ ווי צו באַטראַכטן א שטייענדיקע פּאַלמע, הינטער איר פּלייצע און איינוועגס געכאַפּט א זייטיקן בליק צום פענצטער פון ווייסן הייזל פון וועלכן זי איז צו מיר אַרויסגעקומען.

און האט מיט דערזעלבער פּאַמעלעכקייט דעם קאָפּ אירן אומגעדרייט צוריק צו מיין זייט. פון הינטער דער געדיכטער ווייסער פענצטער־גאַרדין אויף וועלכן ס'האט זיך אַוועקגעלייגט א שטאַרקער זון־שטראַל האָט דורכגעשלאָגן זיך א טונקעלער פלעק אינדערגרויס פון א מענטשן־סילועט...

אַביסל ווי אין פאַרלעגנהייט האָט זי מיר א זאָג געטון:

— איר האט אפשר בײַ זיך עפּעס געלט, מעג עס זײַן װיפֿל ס'איז?

איך האָב איר געגעבן עטלעכע זילבער־מטבעות װיפֿל כ'האָב געראָד בײַ מיר געהאַט. זי האט זײ געציילט, אָדער בע־סער געזאָגט, געמאכט זיך איבערציילן, עטלעכע מאָל איבערגע־לייגט זײ לאַנגזאַם פֿון איין האַנט אין דער צווייטער, יעדע מטבעה צווישן די צוויי צייל־פֿינגער, געגלעט, געריבן, מיט אַ כיוון. ס'זאָל עטוואָס לענגער דויערן און בשעתן ציילן אויסגעדרייט איר פּלייצע אַזוי, אַז ס'זאָל אויסקומען, אַז דאָס פּענצטער מיט דער װייסער גאַרדין מיטן טונקעלן פֿלעק הינטער זײ זאָל פֿאַרפֿאַלן הינטער איר פּלייצע־שאָטן און פֿאַרשטעלן מײַן פּנים אַז דאָרט זאָל מען בלויז באַמערקן װי זי ציילט געלט...

װיפֿל מי איך האָב אָנגעװענדט צו כאַפּן אַ קוק אויף איר פּנים, װיפֿל עלאַסטישע פֿאָרזיכטיקע באַװעגונגען איך האָב נישט געזאָלט מאַכן כדי צו באַקומען איר געזיכט אונטערן בליק מײַנעם, איז מיר טראָץ אַלעם נישט געלונגען זי ריכטיק אָנצוקוקן, כסדר איז זי געבליבן הינטערן שאָטן פֿון דער שאַרף פֿון איר גע־פֿרעסטער שטייפֿער הויב, הינטערן שאָטיקן װײַסן שירם... אגב האָבן איר נאָך דאָ צוגעהאָלפֿן די געדיכטקייט פֿון די אָלעאַנ־דער־ביימער, װאָס האָבן איר פּנים נאָכמער פֿאַרשאָטנט.

איינמאָל נאָר, װען איך האָב מיך אַראָפּגעבויגן אויפֿצוהייבן אַן אַראָפּגעפֿאַלן טאַשנטיכל, װאָס כ'האָב בכּוונה אַראָפּגעלאָזט, כדי אַזוי אַרום צו גנבענען אַ בליק פֿון הינטן אַרויף צו איר פּנים איז מיר קוים געלונגען זי צו זען ביזן מויל. אַ פּאָר רויזיקע פֿרישע ליפּן, אַ סימפּאַטיש מויל מיט באַחנטע װינקעלעך, פֿון װעלכע צוויי רייען קליינע װײַסע ציין װי העלפֿאַנט־ביין האָבן זיך צעװײַסלט און, דאָס האט בלויז געדויערט אַ רגע. שװער מיר זיך צו דערמאָנען װען איך האָב שוין אַמאָל דאָס מויל געזען, אפשר צוזאַמען מיט אַלע טיילן פֿון פּנים װאָלט איך מיך גיכער עפּעס דערמאָנט. אַלץ איז אָבער געבליבן פֿאַרשלייערט הינטער אַ געדיכטן שאָטן...

מיר האט נישט געהאָלפֿן מײַן גראָבלען זיך אין זכרון,

אַרויסצורופן אַלע מיינע צמאָליקע באַקאַנטע אין מחשבה, לויטן ווּקס אירן (ווייל איר פיגור האט זיך פאַרלוירן אין אירע אַרומשוועבנדיקע ברייטע קליידער).

די קלויסטער־שוועסטער האָט באַפוילן און צוויי אַרבעטער צוזאַמען מיטן הייקערל האָבן די דריי אָלעאַנדערס אַרויסגעשטעלט אויף אַ האַנטוועגעלע זיי איבערצופירן צו מיר אַהיים.

ביים געזעגנען זיך, האָב איך איר געדאַנקט. געפּרווט איר אויסשטרעקן מיין האַנט. אירע ביידע הענט וואָס זענען געבליבן פאַרשלייפט אויף אירע ברוסטן, האָבן זיך אַ לייכטן ריר געטון, ווי מיין האַנט אָנצונעמען צוט אָפּשייד, אָבער ווייטער ווי געהאַלטן זיך צוגעשמידט, פערשלייפט אויף איר ברוסט.

די אָלעאַנדער־ביימער שטייענדיק שוין אויף מיין באַלקאָן האָבן באמת אַרויסגערופן אַ שטוינונג און באַוואונדערונג אין די אויגן פון אַלע פאַרבייגייער. נישט איינער פון מיינע באַקאַנטע האָט שפּאָטיש אויסגערופן:

— האָסט שיין אויסגעצירט דיינע ביימער מיט געקינצלטע בלומען!

נישט מיט ווייניק וווּנדער האָט מיין פרוי, מיינע זינדעלעך באַטראַכט די רויזנביימער און שעהנלאַנג די אויגן פון זיי נישט אָוועקגענומען, מער נאָך פון דער הערלעכער מתנה האָט אַלעמען אינטערעסירט דער סיפּור־המעשה פון זיי...

ווען אַ גאָר נאָענטער פריינט מיינער אויסהערנדיק די אומגלייבלעכע מעשה, איז אַיועק נאך אינם זעלבן טאָג אין קלויסטער־גאָרטן אַריין און געוואָלט קויפן עטלעכע אָלעאַנדערס, האָט ער געקריגן שטרענג פאַר דער נאָז... דאָסזעלבע איז געשען מיט מיין שכן פונם צווייטן שטאָק איבער מיר.

דאָס אָפּזאָגן אַנדערע צו פאַרקויפן פאַר גוט געלט אין קלויסטער־גאָרטן די בלומענטעפּ, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָכמער פאַרשטאַרק מיין חידוש, פאַרטאָפּלט מיין נייגעריקייט; עפּעס מוז דאָך פאָרט זיין באַזונדערס אַזעלכעס, וואָס פאַר מיר האט אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער געשענקט טייערע אָלעאַנדערס? אין

קשה איז מר געבליבן פֿאַרוואָס וויל זי עפּעס נישט, אַז איך זאָל וויסן ווער עס שענקט זיי מיר... איז עס אַ באַקאַנטע מיינע, טאָ פֿאַ־וואָס וויל זי פֿון מיר בלייבן אין געהיים... און אויב ווידער זי זאָל זיין אַן אָפּטריניקע, צו וואָס ציט עס זי צו מיר צו אַ ייִד?

אויפֿן צווייטן טאָג איז מיר איינגעפֿאַלן אַ המצאה: איך האָב מיט מיר מיטגענומען מיין צען־יאָריק יינגל, אַ גענוג ספּריטנעם און קלוגן, ער איז קליין, אים וועט לייכטער אָנקומען איר אַריינצוקוקן אין צורה, מעגלעך וועט ער אין איר דערקענען אַ באַקאַנטע, אָדער מיר אַליין וועט דערביי אויסקומען אָנצוקנופּן מיט איר אַ נענטערן שמועס און אַגב לויט דער שטים אָדער אין אַ רגע פֿון עקסטאַז וועל איך כאַפּן אַ קוק אָדער אַ מינע אירע, וואָס וועט מיר צווויסן געבן מיט וועמען איך האָב געהאַט צו טון. מיך האָט דער געדאַנק נישט געלאָזט רוען — אַז סתּם אַ פֿרעמדן שענקט מען נישט אַוועק זאַכן פֿון נישט בלויז מאַטעריעלן, נאָר מער נאָך פֿון אַן עסטעטישן ווערט.

אין גאָרטן, אויף דער לינקער זייט פֿונעם ווייכן הייזל ביים עק וואָס גרענעצט זיך מיט דער הויפּט־מויער פֿון קלויסטער, איז דאָסמאָל געשטאַנען אויף אַ עסטראַדע אַ גרויסע גיפּסענע פֿיגור פֿון אַ הייליקן. דערנעבן אויף אַ שטול הינטער אַ גרויסן אויפגעפּראַלטן שירעם אַלס שוץ פֿאַר דער זון איז געזעסן די עלצטע פֿון די שוועסטערן, אַ דיקלעכע עלטערע פֿרוי מיט גוטמוטיקע פֿאַלדן אַרום ביי די אויגן און מויל, אַ בריל אין גאָלדענע רעמלעך אויף דער נאָז, פֿון דער זייט איבער איר בלויער שירץ האָבן אַראָפּגעהאָנגען עטלעכע שנורלעך שוואַרצע קרעל און צווישן זיי אַ גאָלדענער קרייץ. זי האָט פֿאַרקלעבט מיט אַ מין קיט די שפּאַלטן פֿון דער פֿיגור וואָס האָבן זיך אפֿנים באַוויזן דורך אַ סך יאָרן שטייענדיק הינטערן רעגן און זון.

איך האָב איר לייכט באַגריסט געזאָגט איר, אַז איך בין גערופֿן געוואָרן דורך דער שוועסטער.

איך האָב דירעקט געמאַכט אַ פּויזע און געצויגן דאָס וואָרט „שווע— —סטער״, וואַרטנדיק, אַז זי זאָל מיר אַרויסהעלפֿן מיטן

באַמען, זי אָבער האָט מיר גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין און לאַכנדיק באַמערקט:

— נו, נו, טאָ זאָגט וועלכע שוועסטער?

— ביי וועלכע איך האָב נעכטן די אָלעאַנדערס געקויפט. ווי רופט מען זי עס—כ'האָב אָקאָרשט פאַרגעסן „נע—ע—".

די עלצטע שוועסטער האָט געדולדיק מיך געלאָזט ציען דעם „נע—ע—ע——" געקוקט מיר טיף אין די אויגן אַריין און אין איר מינע איז געווען צו דערקענען, אַז זי באַהאַלט דעם נאָמען מיט א באַשטימטער געהיימער כוונה...

— וואַרט צו אַביסל — האָט זי זיך ענדלעך אָנגערופן צו מיר — איך שיק באַלד אַריין אַרויסרופן יענע, מיט וועלכער איר ווילט רעדן.

זי האָט צוגערופן א באַדינטע, איר שטיל געזאָגט וועמען אַרויסצורופן.

נאָך עטלעכע מינוטן וואַרטן, איז די אייגענע, וועלכע האָט מיר פאַרקויפט מיט א טאָג פריער די אָלעאַנדערס, אַרויס צו מיר פאַרן שוועל פונם ווייסן הייזל.

שטיל, געררוישלאָז ווי א נאַכטוואַנדלערין, ווי א שוועבנדיק וועזן איז זי אַרויסגעקומען און ווייטער האָט דער שטייפער הויב־ראַנד פאַרשטעלט איר פנים, מחמת זי האָט דעם קאָפּ געהאַלטן אַראָפּגעזונקען צו דער ערד און אויך ביים רעדן מיט מיר איז נישט אויפגעהויבן.

— אַנטשולדיקט שוועסטער — האָב איך געזאָגט — מיין זונדל אָט דער דאָ, וואָס איז מיט מיר איצט מיטגעקומען, איז אַזוי אַנטציקט פון אייערע אָלעאַנדערס, וואָס צירן מיין באַלקאָן, אַז איך האָב אים געמוזט אַהערפירן, כדי ער זאָל אייך דאַנקען. ער איז אויך אַ בלומענפריינט און געוויס אַ קינפטיקער באַטאַניקער. בשעת מיין רעדן מיט איר, האָב איך מיט געניג פאַרזיכטיקייט מיר מי געגעבן און געזוכט אַ מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ בליק אין איר פנים, צו פאַרנעמען אירס אַ באַוועגונג, אַ מין באַזונדערן ריר און צוג, אפשר אַ זשעסט, אַ לייכטע באַמערקונג, וואָס איז מיר שוין פון ערגעץ קענטיק ביי וועמען...

מיין יונגל האָט דערווייל אַראָפּבייגנדיק זיך, באַטראַכט די פֿאַרשידנערליי בלומען און פּלאַנצן און אין איינוועגס געקוקט איר שאַרף אין פּנים, זי האָט דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט אַהינצו צו דער גיפּסענער פֿיגור ווו די עלצטע שוועסטער איז געזעסן ביים פּאַרקיטן די שפּאַלטן. ערשט דעמאָלט איז מיר אויפֿגעפֿאַלן ווי יענע, די אַלטע דאָרטן הינטערן שירעם האָט די גאַנצע צייט פֿון אונדזער שמועס אונדז ביידן אָבסערווירט, אַריבערקוקנדיק איבער אירע ברילן גלייך צו אונדז אַהער.

די יונגע שוועסטער, וואָס האָט אָקאָרשט דעם קאָפּ אירן פֿון אונדז אַוועקגעדרייט, האָט זיך געווענדט צו מיין יונגל און אים ליבלעך באַטראַכט און מיט דער האַנט אָנווייזנדיק אויף בלומענטעפּלעך מיט שאַרפֿע שפּיציקע בלעטלעך און צווייגלעך וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָרעם פֿון מיניאַטור-ביימלעך, אים שטיל געזאָגט מיט א צאַרטקייט אין דער שטים:

— נעם קליינער פּאַר דיר אָט יענע צוויי, וואָס שטייען דאָרט, סיי ווינטער, סיי זומער וואַקסן זיי און גרינען, דאָס זענען אויסטראַלישע מירטן.

איך האָב איר פֿריינטלעך געדאַנקט; מיין יונגל אויך.

מיר זענען אַוועק אַהיים מיט דעם וואָס מ'איז געקומען... רייכער בלויז מיט צוויי בלומענטעפּלעך, אָבער אָרעם ווי פֿריער אין וויסן...

איינמאָל גייענדיק אין גאַס, דאָס איז געווען צוויי אָדער דריי וואָכן נאָכדעם, צי אפשר לענגער אַביסל, האָב איך צופֿעליק באַגעגנט דאָס הייקערל. איך האָב אים אויסגעפֿרעגט אויף דער שוועסטער, דער קליינער ערל איז דערביי טרויעריק געוואָרן און מיט פֿייכטע אויגן ווי צום וויינען דערקלערט:

— נישטאָ מער דידאָזיקע גוטע האַרציקע שוועסטער, זי איז איצט אין רוסלאַנד, דאָרטן האָט מען זי געשיקט אין אַ קאַטוילישן קלויסטער. מיר אַלע אין שפּיטאָל בענקען אַזוי שטאַרק נאָך איר, דאָס איז געווען אַ מלאך אין געשטאַלט פֿון אַ מענטש.

— זאָגט מיר ווי זי הייסט, פֿונוואַנען זי איז — האָב איך

אים געבעטן און געפּרוּווט אים אַריינשטעקן אין האַנט אַ זילבער־נעם רובל.

— ניין, ניין, דאָס טו איך נישט — האָט ער זיך אָפּגע־שאָקלט פון מיר — זי האָט מיר באַפוילן צו שווייגן, איר באַ־פעל איז פאַר מיר מער ווי אייער געלט. איבריקנס — האָט ער צוגעגעבן צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויפן דינעם העלדזל — וואָס קאָן אייך דאָס נוצן, זי איז סייווי מער נישט דאָ.

— ווייל זי איז מער נישטאָ — פּרוּוו איך אים איינרעדן — דאַרפט איר מער דאָס נישט האַלטן בסוד.

דאָס הייקערל האָט צו מיר אויפגעהויבן זיינע בייזע אויגן אויסגעדרייט זיך מיטן הייקערל צו מיר און זיך שטום אָפּגע־טראָגן.

נאָך דער גרויסער שרפה ביי אונדז אין שטאָט, ביי דער אָפּוועזנהייט פון מיר און מיין הויזגעזונט, וואָס האָט אויך נישט פאַרשוינט דאָס הויז וווּ איך האָב געוווינט, איז פון מיין גאַנ־צער וווינונג און איינריכטונג געוואָרן אַ תּל, און פון אַלעם איז איבערגעבליבן אַ באַרג אַש און גרוזעס. ווען מיר זענען צוריק־געקומען אין דער שטאָט, בין איך מיט מיין זונדל געגאַנגען באַטראַכטן די חורבה, וווּ איך האָב מיין גאַנץ פאַרמעגן פאַרלוירן; געגאַנגען בין איך ווי אויף קבר־אבות, וווּ אונדזערע טייערע ליגן באַגראָבן.

די פענצטער פון מיין וווינונג — לעכער, ווי אויסגעריבענע אויגן ביי אַ בלינדן. די ווענט פון דרויסן אַרום שוואַרץ פון רויך־פלעקן, וואָס ציען זיך, געצויגן צום דאַך אַרויף זאָגן, עדות אויף די פייערצונגען וואָס האָבן אַלץ פאַרצערט און אַרומגעלעקט די מויער, פון די בלומען אויפן באַלקאָן איז קיין זכר, קיין שפּור נישט געבליבן, בלויז די דיקע שטאַמען פון די אָפּגעברענטע אָלעאַנדערס מיט די אָפּגעזונקענע קעפּ, שטייען אין זייערע מיט טרוקענע ערד אָנגעפולטע הילצערנע טעפּ, ווי עלנטע מצבות אויף צעטרעטענע קברים.

מיך האָט עס אַ צי געטון אַרויף צו, ווי צו אַן אבל, מנחם-אבלים זיין...

אַריבער געשפּרונגען בין איך איבער די שטיינער-טרעפּ, וואָס איז געבליבן פון שרפה-מחבל אומבאַשעדיקט, אַריבערגע-שפּרייזט פון בעלקע צו בעלקע צום באַלקאָן צו, וואָס האָט זיך געהאַלטן פעסט אָנגעקלאַמערט אָן דער מויער, און שטיין גע-בליבן ביים בלומען-בית־עלמן אַ פאַרחושטער.

דער פייער-פּאָגראָם האט נישט פאַרשוינט די צאַרטע בלומען!

מיט האַרצקלעמעניש האָב איך באַטראַכט דעם מיטל-סטן בוים-שטאַם, דעם סקעלעט פונם גרויסן אָלעאַנדער, וואָס האט אַמאָל אַזוי הערלעך-שיין געבליט, זיינע ראָזיקע בלומען האָבן זיך שמייכלענדיק געריסן צום הימל און דערמאָנט זיך אין זיין רעטעניש־פולן איבערוואַנדערן פון קלויסטער-גאָרטן צו מיר אויפן באַלקאָן און פאַרטראַכט זיך אַ קורצע ווילע וועגן דער פערזאָן וועלכע האָט מיר אַמאָל די רויזנביימער געשאָנקען ביי אַזעלכע געהיימנישפולע אומשטענדן און אַליין געבליבן פאַר מיר ווי הינטער אַ פאַרנעפלטן סודותדיקן שלייער.

איך באַטראַכט אַזוי דעם אָפּגעשרפטן בוים. זיין אויסזען בעתן באַקומען אים און זיין אָנבליק איצט, איך דערקען נאָך דעם אָפּפאַטרונעק אויף זיין אונטערשטער צווייג נאָענט צום שטאַם. דאָס פייער האָט דאָס אָרט אויך באַלעקט, אָבער נישט פאַרצערט אינגאַנצן.

מיינע פינגער נעמען זיך שפּילנדיק גראַבלען איבערן פלאַסטערל וואָס וויקלט זיך לייכט אויף, מחמת דער פאָדים איז פון פייער אָפּגעזענקט און שיילט זיך לייכט אָפּ.

איך וויקל אָפּ דאָס שטייפע פאַרהאַרטעוועטע וויקעלע און באַמערק הינטער אים, אויפן גאָלן האָלץ אַ וויס-געל פּאַפּירל. איך וויקל דאָס אויף — אַן אָנגעשריבן צעטעלע, מיט קוים לייענבאַרע אותיות:

... מאָרגן פינקטלעך 6 אַ זייגער פאַרנאַכט אויף דער פּאָסט, דאָס רעטעניש זאָל אייך קלאָר ווערן. פאַרשפּעטיקט נישט אין — — — (ווייטער נישט לייענבאַר)

דאָס צעטעלע איז געווען געשריבן אין יידיש

ה. סאָלניק 7

## דער משוגענער ישראל־עק

דער שטורעם האָט אים פאַרטראָגן, רוישיקע כוואַליעס האָבן אים אין די וועלט אַריינגעשליידערט, אַריינברומענדיק אים אין די אויערן: „לויף עלנטער, איינזאַמער, אומגליקלעכער, פון אַלעמען פאַרגעסענער, לויף, אַזוי ווי די ברויזיקע וועלן, וואָס האָבן דיך אין וועלט=חלל אַריין אויסגעשפּיגן, ווי זיי, וואָס וואַרפן זיך שוימיק צום ברעג, ציען זיך לויפנדיק צוריק, כדי דאָס זעלביקע ווידעראַמאָל איבערצוחזרן, צוזאַמען און באַגלייך מיט די מענטשן-מענגע. זוך נישט דעם טויט. דער טויט זוכט דיך! ביזט געבוירן פון שטורמישע פדעמדע ים=כוואַלעס, טאָ אַנטלויף פון שטילקייט — דיין נשמה איז גלייך צום אָרקאַן, דיין מוח – צום ווי׳כער, דיין אָטעם — אַ ווירבלווינט — דיין האַרץ, – אוריגאַן!

פון אַן אומבאַוווּסטן ערגעץ-ווו איז, ישראלעק, פאַרטראָגן געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין אונדזער שטאָט, זייענדיק אַלט קוים אַ יאָר פינף און אפשר ווייניקער, ווער קאָן עס ווי׳סן. דער „הקדש" דער באַשטימטער צענטרום, דער זאַמלפונקט און אכסניה פאַר אַלערליי בעטלער, קאַליקעס, קונצנמאַכער און קאַטרינאַרזשעס איז געווען זיין היים; קיינעם האָט ער נישט געוואָלט באַדינען און, מיט אַלעמען מיטגעגעסן, געכאַפּט פון אַלע קלעפּ און קללות און אַלעמען דוקא געטון צולהכעיס, קיינעם נישט פאַרשוינט. דאָס גאַנצע בינטל זידלווערטער און פּאַסקודנע אויסדריקן לייכט זיך אויסגעלערנט פון די פאַרשי-

דענע הקדש-וואַגאַבונדן, וואָס איז געווען זיין „מודה-אני" פון דער פרי און זיין „בידך אפקיד רוחי" ביזן שלאָפן גיין.

נישט ער אַליין, ישראלעק. נישט קיינער האָט געוווּסט ווער זיינע עלטערן זענען, נישט אַמאָל האָט מען געוווּסט פון ווו זיין נאָמען ישראלעק נעמט זיך, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן מיט אַ גרויס ברייט משונהדיק בגד פול נאָכשלעפּנדיקע צוויטלען אָנגעהאָנגען אויף זיין קליין גופל, ווו די קליינע דאַרע הענטלעך האָבן קוים אויסגעפּילט אַ העלפט פון די נאָכשלעפּנדיקע ברייט-צעטרייבערטע אַרבל, ווו פון די זייטיקע עלנבויגן-לעכער האָבן אַרויסגעקוקט נאַקעטע שטיקער לייב, פאַרשמירט מיט בלאָטע. זומער-צייט — באָרוועס און האַלב-נאַקעט, ווינטער — איין פוס באַלאַטשט מיט אַ צעריסענעם קאַלאָש פאַרבונדן מיט שנור-לעך און שטריק, אויפן צווייטן פוס אַ גרויסן אַלטן צעריבע-נעם קאַמאַש, אויבן ביים זוים און ביי די זייטיקע לעכער נאָכ-געבאָמבלט סמאַטעס פון פאַרשידענע קאָלערן, פאַרטרוקנט מיט ליים און קויט...

דאָס גאָכשלעפּנדיקע, פאַרבלאָטיקטע בגד ביז איבער די טריט האָט טיילווייז צוגעדעקט די מיט שטריק צוזאַמענגעקניפּטע און צוגעשנורלטע שטיקלעך הויזן פון אינטערן גרויסן אויסגע-קראָכענעם וואַטאָוון הוט. וואָס האָט דעם קליינעמס קאָפּ פאַר-באָרגן ביז איבער די אויערן און באַשאָטנט צוויי גרויסע ווילד-שוואַרצע אויגן אונטער העל-בלאָנדע, לאנגע לאָקן פאַרפלאָנטערט מיט שטרויעלעך און פעדערן, צעוואָרפן ווילד איבערן גאַנצן קאָפּ, האַלז און צורה, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעבלאַנקט צוויי רייען ווייסע, קליינע ציין, איינגעפּאָרעמט צווישן שיינע, דינע ליפּן. זיינע לאַנגע נישט ריינע נעגל פון די פינגער האָבן אים געדינט אַלס קאַם...

באַלד דעם ערשטן טאָג פון זיין אַריינקומען אין חדר פון דער תלמוד-תורה, האָט ער געוויזן ווער ער איז און וואָס ער קאָן. אַלט ווערנדיק צען יאָר האָט ער נאָך נישט געוווּסט, וואָס אַן אַלף איז, און זיך צוגעכאַפּט ראשית צו די אָרעמע חדר-יונגלעכס מיטגעבראַכטע שטיקלעך ברויט, און ווען יענע

האָבן זיך אקעגנגעשטעלט זיין נישקשהדיקן ווילדן אַפּעטיט האָט ער זיי צעמזיקט, צעקראַצט די פּנימער, אַז ס'איז געווען אויף וואָס צוקוקן... ווען דער „רבי" האָט אים דערפאַר געפּרוווט באַשטראָפן און אים מכבד געווען מיטן קאַנטשיק, האָט ישראלעק אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר ווילדע, בייזע אויגן, אָנגעכאַפּט דעם רבינס פארסמאָלעוועטן קאַנטשיק, זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט מיטן רבין, ביז ער האָט אומגעוואָרפן דעם טיש, די באַנק באַנאַנד מיטן רבין, אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע, רויטע צונג און געמאַכט ויברח...

צו צוועלף יאָר, ווען דער הקדש־יוד, דער איפּזועער פון דער אכסניה דאָרט, איז געשטאָרבן און קיין ממלא־מקומו האָט זיך נישט געפונען, איז די הקדש־חורבה געוואָרן הפקר, אַ מקום־מקלט פאַר הונגעריקע, היימלאָזע הינט. די דורכוואַנדערנדיקע שנאָרער האָבן עס אפילו אויסגעמיטן. ישראלעק, אָדער „דער משוגענער ישראל" ווי מ'פלעגט אים שוין רופן האָט זיך פאַרקליבן אויפן בית־המדרש־בוידעם. געפונען דאָרט אַ ווייך געלעגער אויף שמות־בלעטער און אַלטע, צעריסענע פּרוכתן.

שנאָרן איז ישראלעק נישט געגאַנגען, נאָר שטאָלץ און הוצפהדיק געפאָדערט זיין חלק עסן ביי די קעכינס, אָדער ביי די בעלי־הביתטעס זייגע. געכאַפּט פון דער האַנט, דאָס אים דערלאַנגטע און אַנטרינען פון אונטער די אויגן אָן אַ דאַנק אפילו...

האָט אים עמיצער געפרעגט ווי ער הייסט, האָט ער אַן עזותדיקן בליק געוואָרפן אויף יענעם און גאָרנישט געענטפערט אָדער צום בעסטן פאַל אַ זאָג געטון, ווי צו זיך:

— משוגענער ישראלעק, אָבער משוגע ביזטו, נישט איך (דו האָט ער געזאָגט אַלעמען אָן אונטערשיד) גיב עסן, אַז נישט ווא!—האָט ער אַ הויב געטון זיין פויסט אינדערהייך, אָבער קיינמאָל קיינעם נישט געשלאָגן, חלילה...

אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב, אין שול, דער חזן דאַוונט, זינגט, פּלוצים וואַקסט אויס פון א ווינקל ישראלעק, העלפט אונטער דעם חזן זינגען, אָדער זינגט העכער נאָך ווי דער חזן אַליין, שטויסט אויס משונהדיקע קולות, דרייט מיטן גאָרגל

מעשה - קינסטלער, מענטשן לאַכן, מאַכן זיך לוסטיק איבער ישראלעקס חוניסקייט, אַנדערע וואַרפן זיך צו אים, שלעפן אים צום פּאָליש, כדי אים משלח צו זיין פון שול אַרויס. ישראלעק ברוקעט, שטעלט זיך אַקעגן, שלעפט מיט זיך מיט שטענדיק מיט טליתים. שטויסט פון זיך אָפּ די צערייצטע אָנפאַלער. צע-ביילטע הענט פאַלן איבער זיין קאָפּ, אָבער דאָס אַרט אים נישט, ער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, קורטשעט זיך אינגאַנצן איין און שווייגנדיק מאַכט ער זיך אַ וועג, קלעטערט, קריכט דורך פיס און שטענדערס אַרויס אין גאַס אַוועק...

די אויגן ביי אים שפּריצן דעמאָלט מיט פייער, מיט פונקען פון נקמה, מיט געביילטע פויסטן, ווי עמיצן צו שלאָגן לויפט ער איילִיק, צושאָקלענדיק דעם קאָפּ און רעדט ווי צו עמיצן, באַוועגט די הענט און מאַכט גרימאַסן, ביז ער פאַלט אַריין אין אַ שטוב, כאַפּט צו אַ חלה, אָדער וואָס עס טרעפט זיך אים אונטער דער האַנט און גייט פּאַמעלעך אַוועק, בייסנ-דיק און קייענדיק דעם שלל מיט אַ האַסט, אַז קוים זאָל אים ווער אָפּשטעלן, חלילה, צוריקאָפּנעמען דאָס פאַרכאַפּטע, צעברענען אים באַלד די אויגן און צעביילט די פויסטן:

— הע! דו, זעסט?

און איבערלאָזנדיק אַ שפּאָר ביסל קללות, פאַרבראָקט מיט זלזולים, וואָס מענטשן הערן צומערשטן מאָל... ווען אַ דרייסט דינסטמיידל ערגעץ, פאַרשטעלט אים דעם וועג, לאָזט אים נישט אויספירן זיין כאַפּ-פלאַן, אָדער איז אים מכבד מיט אַ בעזעם, — שטעקט ער איר אַרויס אַ גרויסע, רויטע, לאַנגע צונג, פאַרבויגן ווי אַ מילטער, שפּייט אָן אין פנים, פאַרבראָקט מיט קללות אין דער לופט אַריין, שפּרינגט פאַנאַנדער ווי אַ צעברוקעוועט פערד מיט הויך-אויפגעהויבענע פיס און מאַכט ויברח.

אַ האַרבסטיקער, קאַלטער טאָג.

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, באָרוועס און האַלב-נאַקעט בלייבט ישראלעק שטיין פלוצים פאַר אַ בעקעריי, וואָס געהער צו אַ פרומען יוד, דערשפּירט דעם פרישן ריח פון די ערשט-וואָ-

אַרויסגענומענע זעמל פון אויוון, פאַרגליסט זיך אים טועם צו זיין אַ ביסן... באַמערקט נישט ווייט פון אים ליגן שמעקעדיקע בולקעלעך, און דער מאָגן איז ליידיק, שטייפן זיך אויף און צעשנאַפּן די נאָז־לעכער ביי אים, ווי ביי אַ מיד דאָרשטיק פערד, ווען עס דערשפירט פון נאָענט וואַסער. גיט האַסטיק אַ פראַל אויף די טיר, דערנענטערט מיט זיכערע טריט צום טיש, פון וווּ די ברוינלעכע, וואַרעמע, פוכקע בולקעס קוקן אים אָקעגן, מיט אַזאַ צערייצטקייט, ווי זיי וואָלטן זיך בעטן אין מויל אַריין, וואָס איז איצט אָנגעפּילט מיט אַזאַ וואַרעמען שפּייעכץ. ישראלעק פּאַקט דאָס ערשטע, בעסטע פּאָרל־זעמל, קוועטשט עס מיט די פינגער גיך צונויף און ווי אַ אויסגעהונ־גערטער וואָלף שטאָפּט ער עס אַריין צווישן זיינע ברייטע, שאַרפע ציין, צעקייעט אויף ביידע זייטן, בייסט און מאָלט מיט די ציין און שלינגט, מיט אַן אימפּעט, אַז די שוואַרצע ברע־נענדיקע אויגן איבערלויפן אים.

ווען עמיצער ביים בעקער באַמערקט עס, נעמט אים אָן ביים געלאָקטן קרויזקאָפּ און גיט אים אַ פרעג:

— האַ, ישראלעק! ווער האָט דיר דערויף דערלויבט? ביי וועמען האָסטו דיך נאָכגעפרעגט?

קוקט אים אָן ישראלעק ווייטער אָן פחד, ווי נישט אים מיינט מען, האַלט אין איין שלינגען דעם ביסן, דרייט רויק אויס דעם קאָפּ צו יענעם, מעסט אים אָפּ מיט זיינע חוצפּה־דיקע אייגעלעך, שטופּט דעם רעשט זעמל פון דער האַנט צום מויל און קייענדיק דעם געשמאַקן ביסן מיט אַלע ציין ענטפערט ער צוקנאַקנדיק מיט דער צונג אַפּעטיטלעך:

— קיינער וועט מיר נישט דערלויבן צו נעמען, צו וואָס ערשט פרעגן?

און שטרעקט אויס די האַנט צו נאָך אַ פּאָרל פון טיש, דערנעבן.

דער ענטפער און די דרייסטקייט איז אָפּנים געפעלן דעם רייכן בעקער־בעל־הבית, וואָס איז אָגב געווען קינדערלאָז און מיט אַ לאַכעדיק פּנים האָט ער איב אַריינגעקוקט אין דער ווילדער צורה און מיטן פינגער אים געדראָעט פאַר דער נאָז:

— הער, ישראלעק! ווער ס׳וויל עסן מוז אַרבעטן און פאַרדינען. בלייב דאָ ביי מיר. דרויסן איז ביטער קאַלט, נישט דו האָסט וווּ צו שלאָפן, נישט וואָס צו עסן, ביי מיר וועסטו אַלץ קריגן, כ׳וועל דיך אויסקליידן אפילו, וועסט זיין ביי מיר אַ לערניונג און ווערן אַ מענטש.

— זעמל וועל איך קאָנען עסן וויפיל כ׳וועל וועלן?

— אַז דו וועסט פאַרדינען, יאָ...

— מיט וואָס?

— וועסט אַרבעטן.

ישראלעק האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ: איבערגעלייגט זיך דעם משא-ומתן.

— וואָס דאַרף איך אַרבעטן?

— וואָס כ׳וועט דיך הייסן.

פאַרקרומט האָבן זיך די ליפן ביים ווילדן הונגריקן ייִנגל, ער האָט זיך צעשיבערט אינגאַנצן, גלייך ווי דער פריי־שער געשמאַק פון די זעמל האָט נישט בלויז אים, נאָר אויך זיינע מיטעסער... דורכגענומען.

געוואָרפן אַ זייטיקן, גיריקן בליק אויף דעם בערגל גע־בעקס און מיט חוצפה זיך אָנגערופן, ווי יענעם אַ טובה צוטון מיט זיין הסכם:

— גוט, איך באַשטיי.

ביים בעקער איז ער סך־הכל געווען דריי טעג. נישט ער האָט געפּאַלגט, וואָס מ׳האָט אים געהייסן, נישט ער האָט זיך אַליין צו עפּעס גענומען. אָבער ביים אַרויסזעצן די זעמל פון אויוון, האָט ער נישט צייַלנדיק זיי געהאַלטן אין איין פּאַקן אין מויל אַריין און קייען. ווען די גענזלן פון בעקער האָבן אויף אים אָנגעשריגן, האָט ער בלויז געענטפערט מיט אַ בייזן בליק, נישט שטערנדיק זיך זיין אַפּעטיט...

דעם קויש מיט זעמל, האָט מען קוים מיטגעוואַלט אַוועקגעריסן פון ישראלקן, וועלכן ער האָט מיט דער לינקער האַנט אָנגעהאַלטן, בעת די רעכטע האַנט האָט געהאַלטן אין איין קוועטשן די בולקעלעך אין מויל אַריין... אַריינגעבראַכט

דערפון אין גרימצאָרן, האָט ער די טעפּ אין העלצער, וואָס זענען אים געקומען הינטער די הענט צעשליידערט אויף זייערע קעפּ. ס'איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי, אַ געפּילדער, אַ טומל. אַ דערשראָקענער איז דער בעל-הבית אויפגעשפּרונגען פון זיין שלאָף, וואָס ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע צוגעלעגט אויף אַ דערנעבנשטייענדיק בעטל, וואָס איז אייגנטלעך געווען אגב אָנגעגרייט פאַר ישראליקן.

דערהערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האט ער גענומען מוסרן דעם ווילדן הפקר-יונג. ישראליק האט זיי אלעמען אָפּגעמאָסטן מיט זיינע פלאַמיקע אויגן, געגרינצלט זיין קליינעם שטערן און אָן שהיות איינס-און-צוויי האָבן הענט און פיס ביי אים גענומען צאַפּלען ווי אויף שפּרינגפעדערן, אַז צוויי ברעטער מיט צוגעגרייטע טייגלעך, האָבן זיך איבערגעקערט אויפן דיל און אַלע פּנימער באַשיט מיטן מעל-שטויב, די בעקער-שטוב איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעל-זאַק און—היש! געשווינט ווי אַ קאַץ איז ער אויף אַלע פיר אַרויס דורכן אָפענעם פענצטער איבערן טיש און אויסגעגאָסן אין איינוועגס אַ טאָפּ מילך וואָס איז גראָד דאָרט געשטאַנען. און מיט אַ ווילדן קוויטש פון געמיינע ווערטער פאַרפלאָכטן מיט ביטערע קללות פאַר אַלעמען האָט ער געמאַכט פיס...

דעמזעלבן טאָג וואָס איז גראָד געווען אַ מאַרק-טאָג האָבן מענטשן באַמערקט ווי ישראליק האָט אָנגעטריבן אַ פּויעריש וועגעלע צום דאָרף-צו און פון דעמאָלט אָן איז ער פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין.

יאָרן זענען געלאָפן, צייטן האָבן זיך געביטן. פון מויל צו אויער האט מען זיך איבערגעגעבן סודותפולע מעשיות. וויכטיקע נייעסן שאַפן זיך אין לאַנד. די יוגנט וועבט בסוד-סודות נייע פאָרמען, פאַרטייען פון פאַרבאָטענע ריכטונגען גרייטן עפּעס צו. אין לופטן פילט זיך אַן אָנזאָג פון אַ נייעם פרילינג. דערווייל איז דער הימל פאַרוואָלקנט.

אַ איבעראַשונג! אַ בלישטש! —אַ נייע זון גייט אויף!

דער צאַר האט באַוויליקט צו שענקן דעם לאַנד אַ קאָנסטי-

טוציע. דער שלאָס איז אַראָפּגעפאַלן פון מויל, די פּרעסע איז אָן פאַרצענזור. מיטינגס, מ׳רעדט אומגעשטערט ווי-נישט-ווו, אונ־טערן פרייען הימל. עולם דעמאָנסטרירט פריי אויף די גאַסן. רויטע פענער פלאַטערן הויך איבער טויזנטער קעפּ. מענטשן גלייבן די אייגענע אויגן נישט. ערשט נעכטן אין בּיטערע קנעכט־שאַפט! אינמיטן פאַרביסענסטן אייזקאַלטן ווינטער, פּלוצים שיינט אַ מילדע וואַרעמע זון...

איז עס אַ חלום?

געווען סקעפּטיקער, וואָס האָבן נישט געטרויט די בּערישע טובה.

צאַפּלדיקע יונגע הערצער האָבן פלאַמיקע רעדעס געהאַלטן, די צאַרישע זשאַנדאַרמען האָבן מיט פאַרביסענע ליפּן און גע־מאַכטע רויקייט אַלץ און אַלעמען אָבסערווירט, דעטעקטיוון האָבן פאַרצייכנט נאָטירט און דער פאַרטייאישער קאַמף האָט זיך צע־פלאַקערט ווי נאָך קיינמאָל נישט. אין עפנטלעכע ערטער מיט שטורמישע אַרויסטרעטונגען קעגן צאַריזם, אָבער אין תּוך געוו־מען האָבן זיך די פאַרטייען באַקעמפט איינס דאָס אַנדערע מער ווי אַלע צוזאַמען דעם צאַריזם. די קאַמף־פּלעצער: — אַ שול, אַ בית־המדרש, שטיבלעך טעאַטערס, ווו חברים אַגיטירן, דיסקו־טירן און שלאָגן זיך...

אויפן בּאַלעמער אין בית־המדרש, שטייט מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר אַ צעפלאַקערטער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצער בּלוזקע און זיין מויל שיט פעך און שוועבל אויף הערשער, דעספּאָטן און קאַפּיטאַליסטן-עקספּלאָטאַטאָרס. טישן און בּענק זענען פול מיט יונ־גע און אַלטע צוהערער. קעפּ אויף קעפּ, אָפענע מיילער מיט גאַפנדיקע אויגן. קוים ענדיקט איינער, באַלד פאַרנעמט אַ צווייּ־טער זיין אָרט. הייסע וויכוחים, פאַרטייאישקייטן, פּראָגראַמען—די מוחות ווערן צעהיצט, געמיטער אויפגערעגט, הייזעריקע קולות.

אינמיטן דערין באַווייזט זיך עפּעס אַ מאָדנער פאַצעט מיט אַ שררהשער מאַטשעיוויקע אויפן קאָפּ, אַ שוואַרצן אָפּגעטראָגענעם פראַק מיט געשטרייפטע הויזן; אויפן האַלדז, אַ הויכן גומענעם שטיי-קראַגן מיט אַ רויטן שניפּס; אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע ליקיר־

שטיוול אויף די פיכ; דינע בלאָנדע וואָנסעלעך מיט פעך־שוואַרצע אויגן מאַכן זיין פנים אויסטערליש אינטערעסאַנט. פון שוואַרצן פראַק אויפגעקנעפּלט, בלאַנקט פון וועסטל־טעשל אַרויס אַ טאָמבאַק קייטעלע, פון זיין רעכטער האַנט בליצט אַראָפּ אַ ברייטער רינג פון זעלבן מעטאַל אויף אַ פינגער. דרייסט, העזהדיק רוקט ער צו זיך צו אַ שטענדער אויף וועלכן ער גיט אַ האַסטיקן קלאַפּ מיט זיין האַנט, אַ צייכן דער עולם זאָל זיך באַרויקן.

שטויגענדיקע בליקן פון פאַרזאַמלטן נייגעריקן עולם פאַלן פון אַלע זייטן צו דעם מאָדנעם פאַרשוין:

— רבותי, חברים — שרייט ער אויס מיט אַ קלינגענדיק שיינעם באַריטאָן.

ס׳ווערט אַ געלעכטער, דאָס פובליקום שטופּט זיך נענטער צו אים.

— איך וועל אייך זאָגן, איך וועל אייך מודיע זיין, אַז־דאָס — — —

זיינע שוואַרצע גליענדיקע אויגן פינקלען. ער זוכט ווערטער, לעקט מיט דער צונג זיינע ליפּן און מאַכט מיטן פנים העוויות, די הענט באַוועגן זיך געשווינטער ווי זיין מויל.

— זייט וויסן — רעדט ער איבערגעהאַקטע ווערטער — אַז אַלע אייערע פּלענער און גערעדערייען זענען נישט מער ווי אַ — — — נעכטיקער טאָג! — — — אַ פאַראַיאָריקער שניי! וואָס מיר צאָציאַליזם! איך בין מיט אייך נישט מסכּים און פּטור...

ס׳ווערט אַ געוואַלטיקער טומל, די יוגנט וואַרפט זיך אויף אים, וויל אים דורסן.

די דונערנדיקע שטים זיינע איבערשרייט אַלעמען. מיט געהויבענע צוויי פויסטן, וואַרפנדיק זיי אין לופטן, ברומט ער און שטורעמט מיט אויפגעריסענע אויגן. וואָס אָבער איז שוין שווער צו הערן.

הענט באַוועגן זיך איבער זיין קאָפּ, שטורכניעס און בוכניעס פאַלן אויף אים פון אַלע זייטן. ער ווערט געשטויסן און געשליידערט. דער שטייפער גלאַנציקער גומי־קאָלנער הענגט שוין און שלעפּט זיך נאָך ביי אים הינטערוויילעכץ אויף דער פּלייצע,

דער פראַק צעפּליקט אויף עטלעכע שטיקער. אַט מיינט מען, אַז ער ווערט געמכּטט, אַז קיין לעבעדיקער וועט ער פון דאַנען נישט אַרויס. אַ קנויל פון יונגוואַרג וואַרפט אים שטויסנדיק צו דער טיר אַרויס.

פּלוצים פאַרשווינדט דער גאַנצער שטורעם און כּעס, די אויפגערעגטע געמיטער שטילן זיך, די אויפגעהויבענע געבײַלטע פויסטן פאַלן פאַרשעמט אַראָפּ.

— משוגענער ישראלעק! — לאַכן אים באַקאַנטע אין פּנים אַרײַן — ווי קומסטו פּלוצים דאָ אַהער? שלום-עליכם משוגענער!

מענטשן שטויסן זיך און דרינגען נענטער אים אָנצוקוקן. ישראלעק שטייט אַ צעיאַכמעטער, אַ צעהיצטער, ברענגט זיך צוריק אין אָרדנונג די אויפגעשפּילעטע וועסט מיטן נאָכבאָמבלענדיקן רויטן שניפּס און אויפגעקנעפּלטן קראַגן. זײַנע פינגער גראַבלען ציטערנדיק אַרום זײַן האַלדז און ברוסט.

— איך וועל אײַך שוין לערנען דרך-ארץ-דראָעט ער מיטן פינגער אין כּלל אַרײַן. ער נעמט אַראָפּ די שררהשע מאַטשעיוווקע פון קאָפּ, ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן מיטן אַרבל, פאַרוואַרפט זײַן געלאָקטע טשופּרינע אַרינטער-צו.

— איך וועל אײַך שוין ווײַזן צאָציאַליסטן. ווען איך וויל שיק איך אײַך אַלעמען אין קייטן נאָך צעביר... שטייט בפירוש אין דער תּורה -- רעדט ער מיט אַ טאָן פון אַ אויטאָריטעט און כּעסט זיך כּסדר, די אויגן בײַ אים וואַרפן פײַערלעך, אויף די ליפּן בלעזלט זיך אַ ווייס-געדיכטער שוים — אין דער תּורה-הקדושה איז דאָ אַ דין, אַז — — — אַז — — — לעדי עד ימלך מלך אביון. מיט מלכות טאָר מען זיך נישט אָנהייבן.

דער עולם קייכט פאַר געלעכטער. אַ טייל פרעגן אים אויס, ווו ער איז ביזאַהער געווען, בײַ וועמען זיך אויפגעהאַלטן, אַנדערע וויצלען זיך מיט אים איבער. ער ענטפערט קיינעם נישט, ער איז אין כּעס, פאַרוואָס מ׳האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן זײַן שיינע דרשה. ער וואָלט זיי, די אחדות-יונגען געוויזן וואָס אַזעלכעס עס הייסט צו שטיין אין אַ מקום-קדוש אָן אַ הוט אויפן קאָפּ.

ישרלעק האָט אויסגעזעהן אין דאָזיקן מאָמענט, ביים עולם אומבאַקאַנטע אי העלדיש אי עלעגאַנט, שלאַנק און הויך מיט אַ עלאַסטישער ווייבלעכער פיגור, אויגן שוואַרצע, בריענדיקע און באַפעלערישע; העלע געקרייזלטע לאָקן צעשלענגלט ביז צום האַלדז און אַ גלייך געפּאָרעמטע נאָז איבער אַ בלאָנד פאַסמעלע וואָנס אויף דער אייבערשטער ליפּ, ערנסט און שטאָלץ. אינם ווילדן צאַפּל פון די שוואַרצאַפּלען אין זיינע אויגן האָט געווירבלט דער שרעק פונם פאַרפאָלגטן באַנאַנד מיט דער הפקרישקייט פון פאַר־אַכטער.

ווידער איז ישראליק פאַרשוואונדן; נישט מ׳זעט אים און נישט מ׳הערט אים. איבריקנס, ווען איז עס אָנגעגאַנגען צו וויסן? וויכטיקערע געשעענישן האָבן באַשעפטיקט די חושים, און ישראלעקס באַווייזן און פאַרשוואונדן איז געבליבן ווי נאָך אַ קליינער עפּיזאָד אינם גרויסן ווירוואַר־געשעעניש.

וואָכן, חדשים זענען אַוועק, יעדער טאָג האָט געבראַכט שפּוגל־נייע איבעראַשונגען.

דער פּאָליטישער האָריזאָנט איז צוריק געוואָרן פאַרוואָלקנט, דער רעזשים האָט זיך פאַרשטאַרקט, דערשטיקט אַלע מעגלעכע אויסגעקעמפטע פרייהייטן, די אַרעסטן און פאַרשיקונגען האָבן זיך פאַ־טאָפּלט און פאַרצענפאַכט פון טאָג צו טאָג, דאָס יונג־וואַרג איז זיך צעלאָפן אין שרעק. די מאַסן רעדנער אויף מיטינגען זענען געוואָרן אַלץ וויניקער און זעלטענער.

חברטע דבורה, וואָס איז אַרויסגעטרעטן מיט פלאַמיקע רעדעס, אַגיטירנדיק פאַרן סאָציאַליזם, זיצט איצט גאַנץ באַשיידן ווי אַמאָל, שוין לאַנג אַהער, ביי דער ניי־מאַשין און שטעפּט סוקמאַנעס פאַר די טאַנדייטערס זיי צו פאַרקויפן פּויערים אויף ירידים.

אין שטעטל איז אַלץ צוריק, ווי געווען, אַלץ כדאשתקד. קאַטשקעס באָדן זיך אין די בלאָטיקע רינשטאָקן פאַר די הייזער און מיט צופרידנהייט שטעקן זיי זייערע קרומגעבויגענע קעפּ אַריין אין קויט, כדי פון דאָרטן אַרויסצוגראַבלען עפּעס... דער גרויסער האָן פון דאָזער מיט זיינע רויטפלאַמיקע פעדערן

און שטאָלצגעבויגענעם עק אָרויפצו אין אַ האַלבן בויגן, מיטן רויטן פייערדיקן קאַם, וואָס פירט אָן מיט די שטאָטישע סטאַדע הינער ווי זיין אייגנטום און לאָזט קיינעם צו זיי נישט צו, פיקט זיך ווייטער די קערנער אין די תבואות-געוועלבער, אפילו ביי די זיצערקעס אויפן מאַרק מיט קיכלעך, פאַרגלוסט זיך אים אַ מאָל אַ כאַפּ צוטון אַ קיכעלע פאַר זיך. פאַר זיין יחסנישקייט איז מען יוצא בלויז מיט אַ שטילן „אַ שאָ!", וואָס שרעקט אים, דעם יחסן, גאָר ווייניק. אָפּגעהייטנט שוין, אַז מער וועט אים גאָרנישט פּאַסירן, חזרט ער איבער דאָס זעלביקע זייער אָפּט...

און דער אַלטער קהלס-באָק? דער בכור, וואָס איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער זון ביי זיין מוטער, די ציג מיט די לאַנגע הערנער, ביים דאָרפישן יודישן שווייגער שוין מיט יאָרן צוריק, וועלכער האָט אים געבראַכט צום רב אין שטאָט אַריין, אים איבערגעלאָזט אַלס הייליקע מתנה דעם קהל... איז אויסגעוואַקסן אויפן הפקר, ווילד און דרייסט און מענטשן פלאַטערן פאַר אים, מחמת פון איין זייט אַ בכור, פון דער צווייטער זייט אַ נישטגעצייכמט באַשעפעניש. וויל מען אים אַוועקטרייבן פון געוועלב, וווהין ער קומט זיך נעמען אַ בינטעלע גרינס, אַ פּיעטרשקע, צי אַ מייערל, צי בשעת-הדחק -- אַ קיכעלע, אַ זעמל, נישט צו פאַרזינדיקן... שטעלט ער זיך אויף, אויף די הינטערשטע צוויי פיס, קוקט דיך אָן מיט זיינע בהמהשע אויגן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, מיט די שפּיציקע הערנער, ווי איינער זאָגט:

„אַנו פאַרמעסט דיך מיט מיר, אויב דו ווילסט אַוועקגיין אַ צעמזיקטער, מיט ריסוק-אברים!

די גאַנצע סטאַדע שטאָטישע ציגן פירט ער מיט הינטער זיך און אויף זיין „מע-ע-ע". מעקעט זיך פאַנאַנדער. איבער אַלע שטאַלן דער גאַנצער שטעטלדיקער בהמהשער כאָר. אַ כּסדרדיקער איינגייער אין הקדש, אין מקוה, אין בית-מדרש אפילו—פילט ער אפּנים זיין יחסנות אַלס „בכור", אַלס קהלס קעסטקינד און

פֿאָדערט זיין שייכות צו די אַלע עפּנטלעכע ערטער, ווו קיינער דאַרף אים נישט פּוגע-בכבוד זיין.

זייט דער צייט, וואָס דער משוגענער ישראלעק, האָט אין שטאָט געפּעלט, האָט דער קהלס באָק כמעט איבערגענומען יענעמס פונקציע. נישט איינער האָט זיך געמאַכט אַ וויץ, אַז דער בכור מוז זיין אַ גלגול פון ישראלעקן.

לייכטזיניקע מענטשן האָבן אויסגעזוכט אַן אַלטע מאַ־טשעיוווקע, אַרויפגעצויגן עס שטראָם אויף דעם באָקס הערנער און אים געלאָזט אַזוי־אַרום שפּאַצירן איבערן שטאָט. דער קהלי־שער באָק האָט געוואָרפן אויף אַלע זייטן דעם קאָפּ, געשאָקלט מיט די הערנער, געבאָדזשעט אין לופט אַריין, געוואָלט זיך באַפרייען פון דעם הוט אָנגעצויגן אויף זיינע הערנער; זיין שפּי־ציקע, לאַנגע, ווייסע ציגן-באָרד האָט זיך געהאַלטן אין איין טרייסלען אַמאָל אין דער ברייט, אַמאָל אַרויף־אַראָפּ און מענטשן פאַרנעמענדיק, ווי קליינוואַרג, באַטייטלט אים מיטן נאָמען — „משוגענער ישראלעק”, לאַכן פאַנאַנדער און קוועלן אָן פון דער קליינער חברהס המצאה און ווען דער בכור באַווייזט זיך ערגיץ נאָענט, ווי! פאַרכאַפּן עפּעס צום איבערבייסן, הילעכט פאַנאַנדער אַ וואָרעניש:

„— דער משוגענער ישראלעק גייט!”

---

א חגא־טאָג. די געוועלבער זענען געשלאָסן. בעלי־בתימלעך זיצן אויף די שוועלן פון זייערע צוגעמאַכטע געוועלבער אַרון געגנעצן, צייכענען מיט די שטעקנס און ריסעווען אויף דער ע ד און פאַרווישן דאָס, כדי ווידער עפּעס צו צייכענען; כאַפּן אַ שמועסל פון וואָס עס לאָזט זיך. קליינוואַרג שפּילט זיך נאָענט צו די הייזער, הינטער דער וואָרעמער אָב־זון.

די גלאָקן פון אַלטן קלויסטער קלונגען און הילכען אין חליל אַריין, נאָך דער „נאַבאָזשענסטוואָ”. די מתפּללים שיטן זיך אַרויס פון דעם קלויסטער — אין אַ שטילער אָרדנונג, צעגייען זיך. שפּאַצירנדיק אין צווייען, אין דרייען און אין גאַנצע שורות אין אַלע זייטן.

צולעצט גייען אַרויס אַ חברה יונגוואַרג, אינמיטן פון זיי שפּרייזט אַ הויכער שלאַנקער יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ רויטן שניפּס הינטער אַ גומענעם גלאַנציקן קראַגן. ער רעדט צו די קליינע באַגלייטער זיינע, צוואַרפנדיק מיט זיינע הענט ווי מיט זיין קאָפּ, וואָס ברענגט חברה צום לאַכן און זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אים. אויף דער פּלייצע פון הויכן יונגענמאַנס טונקעלער אָפּגעשאָסענער מאַרינאַרקע האָט אים עמיץ מיט ווייס קרייד אָנגעצייכנט אַ גרויסן צלם.

איבערגייענדיק מיט דער קליינער געזעלשאַפט נאָענט פאַר די יודישע פאַרמאַכטע געוועלבער, איז גראָד פון אַ דערבייאיק שמאָל ליקל אָנגעקומען אין באַגלייטונג פון צוויי ציגן, דער קהלס באָק. עמיץ האָט אַ רוף געטון:

— זעט, זעט, דער משוגענער ישראלעק!"

דער וואָס האָט אַזוי גערופן, איז דערמיט נישט אויסן געווען קיינעם ווי בלויז דעם באָק.

דעם קאָפּ שאָקלענדיק אין דער ברייט פאַר כעס, מיט פייער שפּריצנדיקע אויגן אַרום צו אַלע, וואָס זענען געשטאַנען און געזעסן נאָענט צו די הייזער, האָט דער הויכער יונגערמאַן צווישן די קליינע חברים זיינע צעביילט די פויסטן, וואַרפנדיק זיך ביים שאָקלען ווי מיט אַ לולב אין האַנט:

— איך וועל אייך ווייזן, וואָס דער משוגענער ישראלעק קאָן. — האָט ער זיך צעברוגזט, צאַרניק און דראָענדיק — דאָ — ווייזנען די „זשידעס", איך וועל מיך מיט זיי שוין אָפּרעכנען — האָט ער אָנגעוויזן אַרום אויף די געוועלבער — אַרויסגעטריבן מיך פון זייער „בוזשניצע", ווייל כ'קאָן בעסער רעדן ווי זייער „ראַבין" און ווייל כ'האָב געוואָלט אויסראָטן פון דער „בוזשניצע" די „צאָציאַליסטן", פּשאַקרעוו, נו, נו וואַרטס!— האָט ער אויסגעשפּיצט דעם פינגער, אַהין צו די דערשראָקענע יידן.

דער יודישער עולם, האָט אים דערקענט, דעם משוגענעם ישראלעק, וועלכער איז אַ צייטלאַנג פאַרשוווּנדן. מיט שרעק

אין די אויגן, האָבן זיך זייערע בליקן איבערגעוואָרפן, ווייבער האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ:

— ווער ווייסט, וואָסער אומגליק דער משוגענער קאָן אויף אונדז ברענגען.

אין קלויסטער איז ישראלעק געוואָרן אַ נכנס-ויוצא, אַ גאַנצער בן-בית ביים גלח. אויב ער האָט זיך געשמדט, אָדער ער האַלט ערשט פאַרן שמדן זיך, האָט קיינער נישט געוווסט.

די אינעווייניקסטע חדרים פון קלויסטער האָט מען רע־מאָנטירט. ישראלעק איז געווען באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט; ער האָט געשלעפּט ברעטער, לייטערס, געטראָגן דעקלעך, שלים־קרייד, פאַרב מיט פּענזלען און געווען פאַריאַזשוועט, פאַרשוויצט, איינגעשמירט דאָס פּנים, די האָר און די הענט מיט פאַרשידנ־ערליי פאַרבן, און אַ שפּאָר ביסל שטויב און שפּינוועבעכץ זענען געווען אויף זיינע בגדים.

קיינער פון די יידן האָט צו אים נישט גערעדט און ער צו קיינעם אודאי נישט.

פאַרבייגייענדיק גראָד פאַר אַ פענצטער פון אַ נידריק הייזל, ווו שניידער־מאַשינען האָבן געקלאַפּט אין אַ מיידלשער קאָפּ האָט אַרויסגעקוקט, האָט ישראלעק זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ ראָל שאַבלאָנען פאַר מאָלערס אין דער האַנט. דערקענט אין דעם מיידל די חברטע דבורה די סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרקע פון אַמאָל (יענע — אים אויך).

— וואָס, דבורה, שוין אויס מיט דיין צאָציאַליזם?—וואַרפט איר ישראלעק צו אַ פראַגע פון העלער הויט און קוקט איר לאַכנדיק אין פּנים אַריין.

— ווייסט ישראלעק, וואָס איך וואָלט דיר געזאָגט?—הערט ער דעם מיידלס ערנסט קול — ס'וואָלט צייט געווען, זאָלסט דיך אַביסל אויסמענטשלען. פון דיר וואָלט געקאָנט ווערן אַ נוצלעכער מענטש. זעסט — רעדט זי ווייטער מיט דעם זעלבן ערנסט און קוקט אים פריינטלעך אין זיינע, שוואַרצע אויגן אַריין — אַ שענער יונג ביזטו, אַ שאָד בלויז, וואָס דו האָסט דיך געשמדט.

— איך האָב מיך געשמדט? — שטעלט ער אויס א פּאָר דערשראָקענע אויגן — איך? זאָלן זיי אַזוי געזונט זיין און איך נישט; נישט איך האָב מיך געשמדט, נישט כ'האָב בדעה מיך צו שמדן, בלויז להכעיס די זשידלאַקעס, וואָס האָבן מיך אַרויס־געטריבן פון בית־המדרש, דעמאָלט ווען כ'האָב מיך געוואָלט פאַר זיי אָננעמען, געוואָלט מיט מיין רעדע, זיי, די אחדות־מענטשן געבן אַ טויט־קלאַפּ, אַ כאָלערע זיי אין די ביינער אַריין, קומט מיך אַרויסצוּוואַרפן? אין קלויסטער באַגייט מען זיך מיט מיר מענטשלעכער, מ'באַהאַנדלט מיך פיינער, קיינער טשעפּעט מיך נישט.

— ישראלעק! אַ שאָד דיינע יונגע יאָרן — ווענדט זי זיך ליבלעך און פריינטלעך אים אַקעגן — קאָנסט ווערן לייטיש און ניצלעך, ביזט נאָך יונג און אגב עלעגאַנט און קרעפטיק.

— לאַכסט פון מיר, דבורה — מיינט ישראלעק רויטווערג־דיק און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן — איך האָב פון קיינעם נאָך נישט געהערט אַזוי רעדן.

אין זיין האַלטן זיך און רעדן איז דאָסמאָל ישראלעק גאָרנישט געווען דער זעלבער, נישט קיין עגלעכקייט צו זיין געוויינטלעכן שטענדיקן משוגעתדיקן באַנעמען זיך.

— נאָך דער אַרבעט, ישראלעק, קום אַריין צו מיר. מיר וועלן נאָך שמועסן — האָט זי געענדיקט, אויפשטעלנדיק זיך, אַוועקצוגיין פון פענצטער.

ישראלעק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. האָט גע־צויגן דעם הוט און אַוועק, אָפּטראָגן די שאַבלאָנען אין קלוי־סטער אַריין.

גייענדיק אַזוי מיט דער ראָל פּאַפּירן, האָט ער זיך פאַר־טראַכט און דערפילט, ווי אַ וואַרעמע האַנט וואָלט אים געגלעט, ווי פינגער צערטלדיקע וואָלטן זיין פנים באַרויקט. זייט ער לעבט, האָט ער נאָך אַזעלכע זיסע רייד, אַזעלכע מיטליידנדיקע ערנסטע ווערטער נישט פאַרנומען; עפּעס אַזאַ מין רעדן — — — נישט פאַרלאַכט, נישט פאַרשפּאָט, האָט זי אים, ווי אַנדערע פלעגן עס טון בנוגע אים. ניין, ניין, ער אַליין האָט דאָך גע־

הערט, וואָס דבורהלע האָט אים געזאָגט, איר פּנים האָט אויסגעזען אַזוי ערנסט און פריינטלעך. אַ שיינער יונג איז ער, ער קאָן ווערן אויך אַ נוצלעכער מענטש.

צום ערשטן מאָל אינם לעבן איז אים עפּעס אַזוי וואַרעם אויפן האַרץ און אינם קאָפּ און אין דער נשמה אַזוי לייכט, אַזוי קלאָר...

נאָך דער אַרבעט. דרויסן איז אַ שיינער פאַרנאַכט. פאַרלעך שפּאַצירן אַרויס הינטער דער שטאָט. ישראלעק, ריין אַרומגעוואַשן, אָנגעקליידט אין זיין אָפּגעבלאַקעוועטן, שוואַרצן אַנצוג מיטן רויטן שניפּס און גומי־קראַגן, אָפּגערייניקט די שיך, אויפגעקאַמט די לאָקיקע טשופּערינע מיט אַ צופרידנקייט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט ביי זיך, לאָזט זיך גיין צו דבורהלען.

ער גייט, ווי געמאָסטן זיינע טריט. ער וויל אין געדאַנק זיך צוזאַמענשטעלן ווערטער, וואָס און ווי ער זאָל מיט איר רעדן, עס לאָזט זיך אָבער גאָרנישט צוזאַמענשטעלן. עפּעס רייען זיך שלעכט די ווערטער, אָדער זיי צעפליען זיך איידער ער איז מיטן גאַנצן זאַך פאַרטיק. דאָס האַרץ פילט ער, קלאַפּט ביי אים האַסטיקער, פלינקער, ווי שטענדיק. ס'צעגיסט זיך אין אים אַזאַ זיסע צופרידנקייט, אַזאַ אָנגענעם געפיל, וואָס איז ביי אים נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען.

— אַוודאי, אַוודאי אַזוי — רעדט ער צו זיך שטיל — ס'איז טאַקע שוין צייט אַ טראַכט צו טון וועגן זיך, אַ ביסל זיך אויסמענטשלען, ווי זי, דאָס קלוגע, ליבלעכע מיידל, דבורהלע האָט געזאָגט: איך בין אַ שיינער יינג און קאָן ווערן אַ נוצלעכער מענטש.

די לעצטע ווערטער, דוכט זיך אים, האָט ער שוין אַמאָל פון עמיצן געהערט, אָבער נישט פון אַ מיידל, טאַקע דאָ גאָרנישט לאַנג ערשט, יאָ, פון וועמען האָט ער עס געהערט? ער דערמאָנט זיך, דאָס האָט אים געזאָגט דער גלח, זונטאָק, ווען ער ישראלעק, האָט באַקומען ביים גלח אַ מיטאָג, אגב אויך גאָך אַ פּאָר גראָשן אין טאַש אַריין, פאַר דעם ווייל ער האָט געהאָלפן ביי דער אַרבעט אינם גאָרטן, אָבער דעמאָלט זענען

די ווערטער פון גלח אים גאָרנישט געגאַנגען אין זין אַריין מיט וואָס אייגנטלעך קאָן ער מער נוצלעך זיין ווי צו אַרבעטן אינם גלחס גאָרטן? די זעלביקע ווערטער פון דבורהלעס מויל האָט אים גאָר אַנדערש אַ וואָרעם געטון ביים האַרץ? דבורהלע איז דאָך נישט עפּעס אַ פּשוט מיידל. ווען זי רעדט פאַר אַ מאַסע הערן זיי זי אויס, מענער ווי ווייבער, יונגען און מיידלעך מיט אַזאַ דרך-ארץ און, ווען זי ענדיקט איר רעדן פּאַטשט מען מיט די הענט און מען שרייט: בראַוואָ! ווען זי זאָגט איז עס נישט פּשוט... מיינט זי אויף אַן אמת, מיטן גאַנצן האַרצן... פאַר וועמען? ווי אַזוי?

די טריט ווערן אים לייכטער. דאָס גאַנצע האַרץ צערונט אין אים פאַר שמחה. זי דבורהלע, האָט אים דען נישט געזאָגט: קום, ישראלעק, מיר וועלן נאָך שמועסן... הייסט עס: איך בין אַ מענטש מיט אַלעמען צוגלייך. נישט משוגע, חלילה, ווי אַלע רופן מיך משוגענער? אַז איך וויל, למשל אַזוי ווי איצט... בין איך נישט דען זיניק ווי יעדער אַנדערער? און פאַרוואָס איז מיר דאָס טאָקע קיינאיינציק מאָל נישט אויף דער מחשבה געקומען זיך איבער צופרעגן וועמען, נאָר גראָד איצט?

איצט טראָגן אים די פיס געשווינטער. ער גלעט גלייך די מאַרינאַרקע, זי זאָל אויף אים ליגן בעסער און געפּאַסטער. די פינגער באַרירן דעם שניפּס, אויב ער ליגט גראָד אויף זיין אָרט, שטרייכט זיך צורעכט די האָר הינטער די אויערן אַרונטער.

— קום איך אַריין צו איר — רעדט ער צו זיך אין געדאַנק און אים דוכט זיך, אַז ער רעדט דאָס הויך אויפן קול — וועל איך איר זאָגן פּשוט: דבורהשי קרוין, אַלע האַלטן דיך פאַר אַ קלוגע, פאַר אַ געלערנטע, זאָג-זשע מיר, טייערינקע, מיט וואָס קאָן איך זיין נוצלעך און ווערן אַ מענטש ווי אַלע? איך וועל דיך האָרכן, אַלץ טון, וואָס דו וועסט הייסן, איך האָב נאָך קיינמאָל קיינעם נישט געפאָלגט, ווייל אַלע מענטשן זענען אַ רוח אין זייער... ניין, דאָס וועל איך נישט זאָגן. דו ביזט אַזאַ גוט, קלוג און ליבלעך מיידל, אַז אַלץ וועל איך טון פאַר דיר. דו ביזט די ערשטע, וואָס האָסט צו מיר גערעדט ווי אַ

מענטש, ווי אַ... שוועסטער, הייס מיך שפּרינגען אין פייער אַריין פאַר דיר און, איך שפּרינג, נאָר בלייב פאַר מיר שטענדיק אַזוי גוט, רעד צו מיר אייביק אַזויווי דו האָסט צו מיר היינט גערעדט.

ער האָט נישט באַמערקט, אַז רעדנדיק אַזוי צו זיך אין געדאַנק, איז ער אַרויס שוין לאַנג פון דער קלויסטער-גאַס און אַריבער אויפן מאַרק, נאָענט צו דעם הייזל, וווּ דבורהלעס עלטערן וווינען. ערשט דאָס געמורמל פון אַ סך מענטשן, דאָס שושקען זיך אין דער שטיל, האָבן אים פון זיינע זיסע פאַנטאַזיעס אויפגעטרייסלט.

פאַר דבורהלעס הויז, שטייט פאַרזאַמלט און באַוועגט זיך זייער אַ גרויסער עולם.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? — בלייבט ער מבולבל און שטעקט צו זיין אויער צו די קופּקעלעך דאָרטן, ווי אַנדערע מענטשן נייגיריקע, אָנגעקומענע אָקאָרשט, לאָזן זיך דערציילן, אַז ביי דבורהלען איז אַ „אָביסק". זשאַנדאַרמען און פּאָליציי זוכן ביי איר פאַרבאָטענע ליטעראַטור, „צאָציאַליסטישע זאַכן".

דאָס האָט אים אַ הייב געטון, ראַפּטום האָט ער זיך אַ וועג געמאַכט צווישן ענגשאַפט ביים טויער, דורכשטופּנדיק זיך צו דער טיר, וואָס פירט אַריין צום מיידלס וווינונג, דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און קיינעם נישט אַריין און נישט אַרויסגעלאָזט, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג, מיט אַ שטרענגער, בייזער פראַגע:

— וווּהין? צו וואָס?

— איך מוז אַריין — האָט ישראלעק הויך אויפן קול, כמעט ווי געשריגן, אים געענטפערט — איך האָב דער פּאָליציי איבערצוגעבן, וואָס וויכטיקס.

דער פּאָליציאַנט האָט אים פאָרשנדיק באַטראַכט, ווייזט אויס אַ פרעמדער געווען און ישראלעקן נישט געקענט. דער טאָן פון ישראלעקן אָבער איז געווען אַזוי דרינגענדיק און פעסט און דער דורכבויערנדיקער בליק אַזוי זיכער, אַז דער פּאָליציאַנט

האָט געגלייבט, אז פאר אים שטייט אן „אייגענער" און אים אריינגעלאָזט.

דער אַרומשטייענדיקער עולם, האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז ישראלעק האָט אָנגעאַרבעט די גאַנצע מעשה, בפרט ווען מענטשן האָבן דערמאָנט יענעם טאָג, ווען ישראלעק איז אַרויס פון קלויסטער. דערמאָנט און געהערט ווי מען רופט אים „משוגענער ישראלעק", וואָס איז געווען אייגנטלעך אַ וואָרנונג אויפן השבון פון קהלס באָק, וואָס איז אין דער זעלבער מינוט אָנגעלאָפן פון אַ זייטיק ליקל, און גערדראָעט מיט נקמה.

די בעלי-בתישע מענטשן, הגם זיי זענען געווען גליקלעך, ווערנדיק פטור פון דער ממשלה פון די אחדות-מצבטשן, איז זיי טראָצדעם געווען אַ רחמנות אייף דעם מיידל. דאָך אַ געלערנטע, אַ באַחנטע, בפרט די לעצטע צייט הערט מען וועגן איר גאָרנישט קיין אויסטערלישס, נישט צו פאַרזינדיקן... זיצט, אַרבעט זיך רויק און פאַרדינט. מילא, וואָס ס'איז געווען אַלץ... זענען דען נישט בעלי-בתישע קינדער, ווויל-געלערנטע בחורים אַריינגעפאַלן אין זייער נעץ און אַ טייל פון זיי ווידער געוואָרן די זעלבע, וואָס פריער און — טאַקע אויסגעבייטלט אַלע קללות און חרמות אויפן משוגענעם ישראלעקס קאָפּ. געווען ווייבער, וואָס האָבן אויפגעוויזן, אַז דעמאָלט באַלד אינם חגא-טאָג האָבן זיי באַלד געזאָגט: ווער ווייסט, וואָסער אומגליק דער משוגענער קאָן אויף אונדז נאָך ברענגען...

ישראלעק איז שטיין געבליבן פאַר די זשאַנדאַרמען און פאַרן פאָליציי-אַגענט אין דבורהלעס שטוב מיט אַ בלייך פנים און אַן אָפן מויל. אויפן מיטן טיש איז געלעגן אַ פאַק סאָציאַליסטישע בראָשורן, אויפרופן, געדרוקטע ביבולע, וואָס זיי האָבן נאָך אַ שטרענגער רעוויזיע באַוויזן אָפּצוזוכן אויפן בוידעם אין א ווינקל...

דבורהלע מיט צעשראָקענע אויגן, שטייט אַ דרייסטע נעבן זשאַנדאַרם, וועלכער שרייבט דעם פּראָטאָקאָל. נישט ווייטביים עק טיש שטייט איר אַלטע מוטער, ברעכט זיך פון צער און חרפה די פינגער פון די הענט און קוקט פאַרצווייפלט דאָ

אויף איר טאַכטער, דאָ אויף די נישט געחוונטשענע געסט, ווי־פילגדיק, אַז אָט, אָט נעמען זיי זי פון איר אוועק, איר ברויט־געבערין, איר איינציק גראָטן טעכטערל. יעדעס רוסישע וואָרט, וואָס זיי רעדן אַרויס, שטעלנדיק דבורהלען פראַגן, שניידט איר חי מיט מעסערס אין לעבעדיקן פלייש. דבורהלע באַקענט זיך צו גאָרנישט. זי לייקנט שטיין און ביין: „דאָס האָט עמיצער געמוזט איר אונטערוואַרפן". זי ווייסט גוט, אַז דאָס וועט איר גאָרנישט העלפן, זי האָט שוין געוואָלט זאָגן איר מוטער, אַז זי זאָל איר איינפּאַקן עטלעכע נייטיקע זאַכן מיטצונעמען אין תּפיסה, וווהין זי ריכט זיך באַלד אָפּגעפירט צו ווערן.

דער פּראָטאָקאָל־שרייבער האַלט זיך אָפּ אַ ווײַלע אין מיטן שרייבן, מעסט אָפּ מיט בייזע, כיטרע אויגן, ווי אַ פוקס דעם פּלוצים אַרײַנגעקומענעם ישראלעק, וועלכער שטייט אַזוי נאָענט בײַ אים מיט אַ שטייפער, שטאָלצער האַלטונג.

– ווער זייט איר, און וואָס ווילט איר דאָ? – פרעגט אים אַ צווייטער זשאַנדאַרם, וועלכער שנורעוועט צונויף די גע־פונענע דרוקזאַכן.

– ווער איך בין? ווער איך בין? – פאַרטאַפּט ישראלעק זיין ענטפער שטאַמלענדיק – אָט זאָג איך דאָך אייך. איך האָב די... דאָ ביכער – ווייזט ער מיט זיין פינגער אויף דעם איינ־געפּאַקטן פּעקל מיט די בראָשורן, וואָס דער זשאַנדאַרם האַלט ביים צונויפפּעקלען – דאָס איז אַלץ מיין, איך האָב זיי אַהער־געבראַכט, איך קום איצט, זיי צוריקצונעמען.

ישראלעק שטרעקט אויס אַ האַנט צו די בראָשורן, ער באַקומט אָבער אַ פעסטן שטויס צוריק.

דער זשאַנדאַרם שטעלט זיך אויף און פרעגט:

– אַ פּאַספּאָרט האָט איר! ווייזט אים נאָר אַרויס!

– איך האָב נישט קיין פּאַספּאָרט.

– איר וועט אונטערשרייבן אייער נאָמען אויף אַ פּראָ־טאָקאָל. אַז איר באַשטעטיקט, וואָס איר האָט איצט געזאָגט?

— אַזוי ווי איך קאָן, אַזוי וועל איך אונטערשרייבן. אַלץ דאָ איז מיין, איר פֿאַרשטייט מיך?

— וועמען האָט איר געגעבן די דרוקעס, כ׳מיין ווער האָט זיי פֿון אייך גענומען?

— קיינער נישט, איך פֿרעג ביי אייך דען, וואָס איך האָב צו טון. איך האָב זיי געבראַכט ווען קיינער איז דאָ נישט געווען. דאָס אַלץ איז מיין.

דער געהיים-אַגענט, האָט שטיל עפּעס איינגערוימט אויפֿן אויער אָנקוקנדיק אַגב ישׂראלעקן, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף יאָ. און געווענדט זיך מיט אַ פֿראַגע צו ישׂראלעקן:

— זאָגט מיר, איר זייט היינט דאָ געשטאַנען פֿאַרן פֿענצטער, גערעדט מיט דעם פֿריילין?

— יאָ, דאַרף איך נישט? אפשר ביי אייך זיך מעלדן אויף אַ דערלויבעניש?

די דראַסטישע ענטפֿערס ישׂראלעקס און זיין חוצפּהדיקע האַלטונג האָט זיי מער נישט איבערגעלאָזט צו צווייפֿלען, אַז אין זייערע הענט איז אַריינגעפֿאַלן דער ריכטיקער, וועמען זיי ברויכן...

דבורהלע האָט זיך געבראָכן די פֿינגער, אים מיט וווּנדער און רחמנות אָנגעקוקט; ישׂראלעקן האָט פּאָליציי אַוועקגעפֿירט. וואָס מיט אים איז ווייטער געשען ווייסט קיינער נישט. נישטאָ ביזן היינטיקן טאָג קיין שום ידיעה דערוועגן... דבורהלע, זי איינע בלויז דערמאָנט אָפֿט זיין נאָמען און פֿאַרטראַכט זיך...

................

WITHDRAWN
FREE PUBLIC LIBRARY
Trenton - New Jersey